זעכצענטער יאָהר

№ 49

פרייז 20 גראָשען. ,,CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Piątek 3 grudnia 1937 | ליכט-צינדען 3.15 | פרייטאג פ׳ מקץ כ׳ט כסלו תרצ״ח

Bibljot. Jagiellońska
Kraków
św. Anny 19

יודאַאיסטישער צענטער ביי דער נייער שוהל.

זונטאַג, ד. 5 ד. ח. 4 אַ זייגער נאכמ. צום 8-ען חנוכה-ליכטעל אין לעזע-זאַל פון דער נייער שוהל

קומט פאַר **אַ פייערליכער חנוכה-אָוועגד**

מיט א רעפעראט פון **הרב ד״ר מאיר טויבער**

(דירעקטאָר פון מלוכה׳שען לעהרער-סעמינאר אין ווארשא)

א. ד. ט.: „די מקורות פון יודישען אָפטימיזם"

איינגאנג נאָר געגען איינלאדונגען, וועלכע מען קאן בעקומען אין דער ביבליאָטעק אין די אַמטירונגס-שעה׳ן.

אַ פערטרעטונג

זוכט אַ פערמעגליכער, לאַנגיעהריגער סוחר מיט בעציהונגען, וואס בעזיצט אין ווארשא אַן׳אונטער-נעהמונג צווייטע קאַטעגאָריע, ווי אויך לאַגערן און פערטרעטער אין גאַנץ פוילען.

Oferty pod „Prosperity"—Biuro Ogłoszeń Pietraszka, Warszawa, Marszałkowska 115.

מעלדונג.

מיר מעלדען, אַז שוימער וואָלף איז געוואָרען אויסגעשלאָסען פון 2-טען שניידער-צעך פאַר שטרייק-ברעכעריי.

די פערוו. פון 2 שניידער-צעך.

SZKOŁA TAŃCÓW baletm. Kosteckiego

w lokalu własnym

ul. Waszyngtona № 6.

Wyucza ostatnie nowości — kongresu — paryża 1937/1938 roku w kompletach — pojedynczo.

Zgłoszenia codziennie od 10—21 w.

אכטונג: יעדען שבת פראַקטישע רעקציע

פאַר יודישער געזעלשאפט.

אנהויב 8 אָוונד. — ערשטקלאַסיגע מוזיק.

אַ גימנאַזיסט

ערטיילט לעקציעס און קאָרעפּעטיציע אין ראהמען פון 6 קלאַסען גימנאַזיום. אויך העברעאיש און אַנדערע למודים פון יודאַאיסטיק צו צוגענגליכע פרייזען.

צו ערקינדיגען זיך אין רעדאקציע.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA „KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

צום פריהלינג-סעזאָן

מיר נעמען אָן צו וואשען **קראַגענס** מיט לאנג - דויערענדע שפיגעל-גלאַנץ ווי אויך **העמדער** צו רייניגען און צו פארבען אלערארט קליידונג. גארדינען - צו וואשען און צו שפאַנען.

ספעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס

2) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואשען).

אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן אָרט

אַלץ צו ביליגע פרייזען.

אונזער וויצע-פרעזעסין דער פרוי **נ. קעמפינסקאַ** צוליעב׳ן טויט פון איהר מוטער

ר. מאסלא נ״ע

דריקען מיר אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

פילאַנטראָפּישע געזעלשאפט

„בית לחם", וויעלון

אונזער. ג׳ פערוואַלטונגס-מיטגליד ה׳ **דוד מאסלא**

צוליעב׳ן טויט פון זיין **מוטער** נ״ע

דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.

די פערוו. פון „לינת הצדק"

אין וויעלון.

נאָר 2 פאָרשטעלונגען!

מאָרגען, שבת, ד. 4 ד. ח. פונקט. 9 אָוועגד

דער גרויסער שלאַגער פון דער לעצטער צייט

דער יודישער גזלן

מוזיקאלישע קאָמעדיע אין 3 אַקטען, 4 בילדער, רעזשי ש. נאַטאַן.

3 שעה געלעכטער. הארציגער געזאַנג. וואונדערבארער הומאָר

זונטאַג, ד. 5 ד. ח. 9 אָוועגד — פּרעמיערע!

לעזט! גאָלדענער חלום

אין 3 אַקטען פון עס-ען,

געשפּילט מיט׳ן גרעסטען ערפאָלג אין אמעריקא.

געלעכטער. שפאַנענדער אינהאלט. קאמיזם

די פיעסען ווערען געשפּילט אָהן סופליאָר

טעאַטער „מכבי"

ווארש. פאָלקס טעאַטער

אָנפיהרונג:

שמחה נאַטאַן.

אנסאמבל:

פראַניע ווינטער

דניאל שאַפּיראָ

(פון מאָריס שווארץ אַנסאמבל)

נ. נאַטאַן	מ. בערן
גאָרא-וואי	ק. רוטענבערג
מ. זאַק	מ. גורוויטש
י. ווידעצקי	א״א מ. טאַל

געהילף-רעזשי: מ. גורוויטש.

פערגרעסערטער אָרקעסטער.

בילעטען-פאָרפערקויף אין דרוק.

פון ה׳ באָטשאַן, שבת—אין קאַסע.

ראַנקזאַגונג.

אַלע, וואס האבען מיטגעהאָלפען צום ערפאָלג פון דער חנוכה-פייערונג וועלכע איז פאָרגעקומען דינסטאָג צום 3-טען חנוכה ליכטעל אין זאַל „מכבי", דריקען מיר אויס אונזער הארציגסטען דאַנק.

פערוואַלטונג פון דער „בית-יעקב"-שולע

אין טשענסטאכאוו.

PODZIĘKOWANIE.

Pani **Dr. Grunwald** oraz p. **Dr. L. Goldmanowi** za pełną poświęcenia szczęśliwie przeprowadzoną operację w Domu Zdrowia, Aleja Kościuszki 9, przy porodzie naszej Córeczki, oraz siostrze-akuszerce **Tychanowicz** za ofiarną opiekę w czasie choroby, wyrażają najserdeczniejsze podziękowanie.

I. DANCYGIEROWIE.

קול קורא לעזרה.

אזוי ווי עס געהן ארום דעלעגאטען פון ת״ת „מחזיקי הדת" וועגען התחייבות צו צאָהלען מעות חודש, בעטען מיר די אלע, וואס צאהלען עס נאך נישט, דאס זיי זאלען זיך נישט אָפזאגען דערפון, נור זיך מתחייב זיין יעדער לויט זיין מעגליכקייט און דערמיט צו ערמעגליכען דעם ווייטערדיגען עקזיסטענץ פון דער ת״ת, אין וועלכער עס לערנען ביז 400 קינדער פון די אָרים-סטע שיכטען פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג.

דערביי מאכען מיר אויפמערקזאַם, אַז ווייט דער „מחזיקי הדת" עקזיס-טירט, געפינט זיך אין בודזשעט א הכנסה פון די אָבגעפליקטע היהנער-פעדערן, וואס מיר נעמען אין שעכט-הויז.

היות ווי עס ווערט יעצט פיעל געשאָכטען ביי „לינקע" שוחטים, וועלכע זענען אָהן השגחה הביד״צ און זענען ע״פ דין נבילה וטריפה ליידט דער „מחזיקי הדת" א שאָדען, ווייל פון די דאזיגע עופות בעקומען זיי נישט די פעדערן. ע״כ בעטען מיר די היגע בעפעלקערונג צו לעגען אַכט, אַז זייערע עופות זאלען געשאָכטען ווערען נור אין די שחט-הייזער.

גלייכצייטיג בעטען מיר די פרויען, אַז אַנשטאַט צו פליקען די פעדערן אין דערהיים און זיי וואַרפען אין מיסט-קאַסטען זאָלט איהר לאָזען פליקען אין שעכט הויז, כדי זיך צו בעטייליגען אין די הכנסות פון דער תלמוד-תורה.

די פערוואַלטונג פון ת״ת „מחזיקי הדת".

פאַרבעריי אונ כעמישע וועשעריי

„BENETA"

ב. יאַסעלעוויטשאַ 11

(געגענאיבער. דעם געוועלב פון דער קאָפּעלושארניע)

קראַגענס ווערען געוואַשען מיט דויער-האַפטען שפיגעל-גלאַנץ.

ספעציאַליטעט:

1) אויפפרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס,

2) פאַרבען לויט מוסטערן,

3) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואשען אויפ׳ן אָרט),

4) כעמישרייניגען און פאַסאָנירען קאָפּעלושן.

Dr. med. A. WOLBERG

choroby skórno - weneryczne

POWRÓCIŁ

i ordynuje od 4—7 po poł.

Aleja Wolności № 13

II piętro tel. 13-67.

פערזענליכעס.

דער היגער איינוואוינער בראָניסלאַוו זאַלצמאַן האט בעלעגט דעם אדוואָקאַטען עקזאַמען און איז געוואָרען אריינ-געטראַגען אויף דער אדוואָקאַטען-ליסטע.

מיר בעטייליגען זיך אין גרויסען צער פון אונזער יוגענד-פריינדין **ריווטשע פייערמאַן** און **פאַמיליע** אין ראדאָמסק צוליעב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זייער אונפערגעסליכען מאַן און פאָטער

משה נ״ע

אייער צער—אונזער צער.

אבא ווינער, שמואל פראַנק.

א הארציגען מזל-טוב

דעם ה׳ **אשר הימעלמאַן** און פרוי

צו דער תנאים פון זייער טאָכטער **טעלצא** מיט ה׳ **שמואל זיגאַס**

אַנשטאַט בלומען—2 זלאָטעס פאַר׳ן קינדערהיים א. נ. פון י. ל. פרץ.

א. בראָס, וו. פיינע

P. D-rowi J. Dobrzyńskiemu

za wyleczenie mnie, mimo zarządzenia przez innych lekarzy, w ciągu 3 ch tygodni bez operacji, tą drogą ja i mąż serdecznie dziękujemy.

ROZENBLATOWIE, Blachownia.

דאס איינציגע יודישע בלומען - געשעפט

לייב ווישינסקי, אַלעע 38

מאַכט בעקאַנט, אַז אונזער פירמע האט א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע שניט-בלומען, כריזאַנטעמען א. ז. וו., אלערארט דעקאָראַציעס, בוקעטען צו האָכצייטען און פערלאָבונגען, אויך זשאַרדיניערקעס - בלומען ווערען אויסגעפיהרט עסטעטיש און פונקטליך.

אויך בעזיצען מיר אַלערליי טרויער קרענץ.

געדענקט די אדרעס: **לייב ווישינסקי, אַלעע № 38**

בעמערקונג: אונזערע געעהרטע קליענטען ווערען ערטיילט אומזיסטע פאַכמענישע עצות.

WORLD-RADIO

świat w domu...

Do Miłośników muzyki!

Doszło do wiadomości naszej, że WPan od dłuższego czasu nosi się z zamiarem kupna radioodbiornika. Nie uczynił WPan tego dotychczas, ponieważ trudno WPanu zorientować się w labiryncie pojęć jak: obwody, lampy, automatyczna regulacja fadingów, superhetorydyna, magiczne oko, zakresy fal etc. etc. Pozatym utrudnia WPanu jeszcze decyzję rozmaitość modeli i cen.

W tym wszystkim przyjdzie WPanu chętnie z pomocą fachową i sumienną

Reprezentacja czołowych firm krajowych i zagranicznych.

Zakłady Radiotechniczne

WORLD-RADIO

Inż. Br. Fliegelman i S-ka

Spółka Komandytowa

Aleja 24 w podwórzu,

tel. 25-75.

געהילט אין טרויער מעלדען מיר וועגען פריהצייטיגען טויט פון אונזער אונפערגעסליכען שוואגער

נ״ע **משה (חיים) פייערמאַן**

בן ר׳ שבתי נ״י

הויז-בעזיצער און אינדוסטריעלער אין ראדאָמסק

וועלכער איז נאך לאנגע און זעהר שווערע ליידען געשטארבען אין עלטער פון 47 יאהר מיטוואָך כ׳ כסלו (24 נאוועמבער) און דעם זעלבען טאָג צו קבורה געקומען.

אַלע אין צער איבערגעבליבענע—אונזער אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל.

פאַמיליע גאַנצוויך

(לאָדז).

מיר בצווייגען דעם פריהצייטיגען טויט פון אונזער פעטער

נ״ע **משה פייערמאַן** (ראדאָמסק)

דער פעריתום׳טער פאמיליע אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל

דוד פייערמאַן און **פרוי**

טשענסטאכאָוו.

הנרות הללו.

חנוכה-געדאַנקען

העכער צוויי טויזענד יאהר צינדען מיר אָן יעדען חנוכה די אַכט ליכטלעך אַלס צייכען פון די נסים, וואס זענען געשעהן בעת די פיינד זענען אָנגעפאַלען אויף די יודען, די מינדערהייט האט דאמאלס געזיגט איבער דער מעהרהייט און אַלס נס צינדען מיר אָן די דאָזיגע ליכטלעך.

די ליכטלעך האבען אויך אַ סימבאָלישע בעדייטונג, אַז אין משך פון לאַנגיעהריגען גלות האבען פיעל פיינד אונז געוואָלט פערטיליגען, אויסלעשען דאס ליכטעל, דאס פייער, וואס ברענט טיעף אין דער נשמה פון דער אומה און נישט קוקענדיג אויף די פערפאָלגונגען, פייניגונגען און אויטא-דא-פע׳ס, האבען זיי מונדעסטוועגען נישט געקאָנט אונז אומברענגען. דאס דאָזיגע קליינע ליכטעל, דאס שוואכע פלעמעלע, האט אויסגעהאַלטען אַלע שטורמען, האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אין אַ גרויס העליש פייער, וואס בעלייכט אונזער חושכ׳דיגען גלות און פיהרט אונז אין אַ נייעם ליכטיגען וועג.

מיר לעבען איצט איבער איינע פון די טראַגישסטע צייטען פון אונזער גלות-לעבען. מען וויל אונז פערניכטען נישט בלויז עקאָנאָמיש, נאר אויך מאָראליש, מען בעצייכענט אונז אַלס אַ נידריגע ראסע, וואס פערדינט נישט קיין אַכטונג מצד די פעלקער.

אַ הורגאַן פון פערפאָלגונגען, גזירות און רדיפות שיטען זיך פון אַלע זייטען. ליידער האבען מיר נישט היינט די שטאָלצע נאַציאָנאַלע חשמונאים, וואס זאָלען אַרויס אין קאַמף דרייסט און מוטיג און זיך אָננעמען נקמת ד׳ צבאות. דאס ערגסטע איז, וואס מיר פאָרען זיך אפילו גישט פערטיידיגען געגען די אָנפאַלער. מען וויל אין אונז אויסראָטען דאס געפיהל פון ווידערשטאַנד, פון נישט לאָזען זיך בעשפייען און בעליידיגען.

ווען מיר קוקען אויף די ליכטלעך דערמאָנט זיך אונז, אַז אָט די דאזיגע ליכטלעך זענען עדות, אַז נישט אַלע מאָל איז דער יוד געווען אַזוי בשפל המצב און געמוזט צוקוקען ווי די שונאים פייניגען איהם און שווייגען, צודריקען די ליפען ביז בלוט און שווייגען.

די דאָזיגע קליינע ליכטלעך דערצעהלען, אַז נישט אַלע מאָל זענען מיר געווען די דערשלאָגענע און דערנידריגטע, אַז מיר האבען שטענדיג הכנעה׳דיג געקושט די רוט, וואס שמייסט אונז, נאָר אַז מיט מענשליכער ווירדע און נאַציאָנאַלען שטאָלץ רעאַגירען מיר אויף בעליידיגונגען.

הנרות הללו.

די יודישע אקאדעמיקער, אונזערע ליכטלעך, וועלכע לייכטען מיט זייער וויסען און ערודיציע וויל מען אויסלעשען, פערריקען אין אַ זייט, זיי לאָזען זיך אָבער נישט, מיט די לעצטע כחות בעמיהען זיי זיך אויסצוהאַלטען דעם שטורם, וואס בלאָזט אויף זיי מיט א מערב-ווינט ביז דער ווינט וועט זיך איינשטילען.

פערשידענע נוסחאות זענען פערהאַנען וועגען דער בעדייטונג פון די ליכטלעך, וואס מיר צינדען אָן יעדען חנוכה; איינס איז אָבער קלאָר, אַז דער יוד, וועלכער איז אין משך פון זיין לאַנגיעהריגען גלות דער שעיר-לעזאזל פון אַלדאַס-בייז, וואס געשעהט אויף דער וועלט, אַז אָט דער דאָזיגער יוד האט די חנוכה-ליכטלעך געמאַכט פאר א סימבאָל פון קדושה, וואס זענען נאָר לראותם בלבד ואין אנו רשות להשתמש בהם — מען טאָר זיי נישט אויסנוצען פאר אייגענע פריוואַט צוועקען, כדי כו פערטיידיגען דאס אייגענע לעבען נאָר פאר קיום פון דער גאַנצער אומה.

הנרות הללו.

אָט אין די דאָזיגע שוואכע ליכטלעך, וועלכע אונזערע שונאים רעכענען מיט איין בלאָז אויסצולעשען, ליגט א גרויסער כח, וואָס איז נישט אָבצושאַצען און נישט צו פערשטעהן. הונדערטער פעלקער זענען אונטערגעגאַנגען, און מיר, דאס קליינע שוואכע פאָלק, לעבט און וועט אייביג לעבען.

הנרות הללו.

ש.

וואָס חעלפען בעקומען די אַרבייטס-לאָזע אין טשענסטאכאָוו?

דעם 6-טען ד. ח. וועט מען אין 25 געוועלבער פון „יעדנאָשטש" אָנהויבען פונאַנדערצוטיילען לעבענסמיטעל-אַרטיקלען פאר די אַרבייטסלאָזע, וואס געניסען פון דער ווינטער-הילף. דער קאָמיטעט האט פעסטגעשטעלט פאָלגענדע וואָכען-פּאָרציעס: 1 קילאָ ברויט פאר א פערזאָן, א האלבען קילאָ אַרבעס, א האלבען קילאָ ווייצען-מעהל, 150 גר. פעטס און 150 גראַם צוקער.

קורצע ידיעות פון דער וואָך.

— היטלער האט אָנגענומען די ביטע פון ווירטשאַפטס-מיניסטער ד״ר שאַכט וועגען דימיסיע. שאַכט בלייבט ווייטער פרעזידענט פון דער דייטשער מלוכה-באַנק. מיט דעם ווירטשאַפטס-מיניסטעריום וועט דערווייל אָנפיהרען מין. גערינג.

— צוליעב דער יאַפּאַנישער אַקציע אין כינע, איז געקומען צו א פערשאַרפונג אין די בעציהונגען צווישען יאַפּאַן און ענגלאַנד. די יאַפּאַנישע מיליטערישע מאַכט פאָדערט פון ענגלאַנד צוריקצוציהען 6 קריגס-שיפען פון טשינג-קיאַנג, וועלכע, ווי די יאַפּאַנער בעהויפּטען, שיצען טויזענדער קליינע כינעזישע שיפלעך בעת׳ן איבערפיהרען מיליטער און אַמוניציע.

— אין בולגאַריען איז אין א בערגיגער געגענד אויף א הויך פון 2,600 מעטער געפונען געוואָרען דער פערפאַלענער פוילישער עראָפּלאַן „דוגלאס", וועלכער איז געפליגען פון ארץ-ישראל קיין פוילען. דעם עראָפּלאַן האט מען געפונען פולשטענדיג צעשמעטערט און אַלע פּאַסאַזשירען צוזאַמען מיט דער מאַנשאַפט — טויט. מיט דעם עראָפּלאַן זענען געפאַהרען 3 פּאַסאַזשירען (יודען) און 3 פערזאָן פון דער מאַנשאַפט.

— אויף דעם עגיפּטישען פרעמיער נאהאס פּאַשא איז אויסגעפיהרט געוואָרען אַן אַטענטאַט, דעם פרעמיער, צו וועלכען דער אַטענטעטער האט 3 מאָל אויסגעשאָסען, איז גאָרנישט געשעהען. דער אַטענטעטער איז געוואָרען אַרעסטירט.

— אין לאָנדאָן איז פאָרגעקומען א קאָנפערענץ צווישען די ענגלישע און פראַנצויזישע מיניסטאָרען. אין צוזאַמענהאַנג מיט די דייטשע פאָדערונגען וועגען קאָלאָניעס האָט די קאָנפערענץ בעשלאָסען, אַז ביי די איצטיגע בעדינגונגען קאָן מען איבערהויפּט וועגען די דייטשע פאָדערונגען נישט דיסקוטירען.

— אין דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע אין ווארשא איז דורך ספּעציעל דעלעגירטע אַגענטען פון ג. פ. או. דורכגעפיהרט געוואָרען אַ רעוויזיע, וועלכע האט געדויערט 7 טעג. די רעוויזיע שטעהט אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן אַרעסט פון אַמבאַסאַדאָר דאַווטיאַן, וועלכער געפונט זיך אין מאָסקווע.

— אויף דעם תפיסה-הויף אין עכו איז אויסגעפיהרט געוואָרען דער אורטייל איבער דעם טעראָריסטען-פיהרער שייך פאַרהאַן-עס סאַצי, וועלכער איז דורך דעם מיליטערישען געריכט אין חיפה פערמשפּט געוואָרען צום טויט דורך הענגען.

— אַ באַנדע אַראַבישע טעראָריסטען האט בעשאָסען די קאָלאָניע כפר-החדש אין עמק יזרעאל. די אָנפאַלער זענען דורך די יודישע געהילפס-פּאָליציי פערטריבען געוואָרען. איין קאָלאָניסט איז לייכט פערוואונדעט געוואָרען. די זעלבע באַנדע האט אויך בעשאָסען אַ פּאָליצייאישען אויטאָ. 1 בריטישער פּאָליציאַנט איז פון די בעקומענע וואונדען געשטאָרבען. דאס מיליטער האט דורכגעפיהרט אַן׳אָבלאַווע און אַרעסטירט פיעל אַראַבער. בעת א רעוויזיע איז אין אַן׳אַראַביש הויז ענטדעקט געוואָרען אַ לאַגער פון באָמבעס.

— קיין ארץ-ישראל איז אָנגעקומען דער נייער הויפּט-קאָמענדאַנט פון דער א״י-פּאָליציי, מאַיאָר סאַנדערס, וואס איז נאָמינירט געוואָרען אויף׳ן אָרט פון ביז-איצטיגען קאָמענדאַנט קאָלאָנעל ספּייסער.

— אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שליסונג פון דער פּאַריזער וועלט-אויסשטעלונג זענען די עקספּאָנאַטען פון ארץ-ישראל פּאַווילאָן אויסגעצייכענט געוואָרען: 6 מיט גאָלדענע מעדאַלען, 6 מיט זילבערנע, 7 מיט בראָנזענע מעדאַלען, 4 מיט עהרען-דיפּלאָמען און 4 מיט פּריזען.

— אויף דער לעצטער זיצונג פון מיניסטאָרען-ראַט איז אָנגענומען געוואָרען דער געזעץ-פּראָיעקט וועגען דער פּערביליגונג פון דירה-געלדער ביז׳ן 31 דעצעמבער 1938. לויט דעם געזעץ-פּראָיעקט ווערט אויך דער לאָקאַטאָרען-שוץ סטופּענווייז אָבגעשאַפט ביז יולי 1943. דער ענין דאַרף בעטראַכט ווערען אויף די ערשטע זיצונגען פון דער פּאָרשטעהענדער פּאַרלאַמענט-סעסיע.

— דער רעקטאָר פון ווילנער אוניווערזיטעט האט אָפיציעל געמאָלדען, אַז ער פיהרט איין אויפ׳ן אוניווערזיטעט בעזונדערע בענק פאר יודען און בעזונדערע פאר קריסטען.

דאס שטאָדט-געריכט אין ווארשא האט ארויסגעטראָגען דעם אורטייל אויף דעם אַדוו. שומאַנסקי, וועלכער איז בעשולדיגט געוואָרען אין בעליידיגען דעם יוסטיץ-מיניסטער גראַבאָווסקי און אַנדערע הויכע געריכטס בעאַמטע. אַדוו. שומאַנסקי איז פערמשפּט געוואָרען אויף 6 חדשים אַרעסט און 1500 זל. שטראָף. דער פערמשפּט׳ער האט גלייך אָנגעקינדיגט אַן׳אַפּעלאַציע.

— אין ווארשא איז פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון ווארשאווער אַדוואָקאַטען-ראַט, אויף וועלכער די דעמאָקראַטישע אַדוואָקאַטען האבען אָבגעהאַלטען אַ גרויסען נצחון. אין׳ם הויפּט-אַדוואָקאַטען-ראַט איז געוועהלט געוואָרען דער קאַנדידאַט פון דער דעמאָקראַטישער ליסטע אַדוו. נאַגורסקי. אין ראַט זענען אַריין 4 אַדוואָקאַטען פון דער דעמאָקראַטישער ליסטע און 2 יודען. עס איז אָבגעוואָרפען געוואָרען דער ענדעקישער פאָרשלאַג וועגען שליסען די אַדוואָקאַטען-ליסטע פאר יודישע אַפּליקאַנטען.

— אין ווארשאווער קרייז-געריכט זענען בעניט געוואָרען די פערהאַנדלונגען אינ׳ם סענסאַציאָנעלען פּאָליטישען סטאַזשינסקי-פּראָצעס. אויפ׳ן פאָרשלאַג פון די פערטיידיגער האט דאס געריכט בעשלאָסען אַרויסצורופען א רייה נייע עדות. דער פּראָצעס וועט זיך פערציהען אויף עטליכע טעג.

— אין ווארשא איז פאָרגעקומען א פערזאַמלונג פון 220 דעפּוטאַטען און סטאַראָסטען אונטער׳ן פאָרזיץ פון פּולק. קאָץ. עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו שאַפען אַ פּאַרלאַמענטאַרישע „קאָלאָ" פון „אָזאָן".

— דער רעקטאָר פון פּאָליטעכניקום אין לעמבערג האט ערקלערט, אַז קיין באַנק-געטאָ וועט נישט איינגעפיהרט ווערען אויפ׳ן פּאָליטעכניקום.

— דאס העכסטע געריכט האט מבטל געמאַכט דעם אורטייל פון אַפּעלאַציע-געריכט, וואס האט פערמשפּט דעם בריסקער קצב וועלוועל שטשערבאָווסקי צום טויט. אַזוי-אַרום ווערט דער פּראָצעס איבערגעשיקט נאָכאַמאָל צום בעטראַכטען אין ווילנער אַפּעלאַציע-געריכט, וואס וועט איצט שוין קיין טויט-אורטייל נישט קענען אַרויסטראָגען.

— דער בעריהמטער פוילישער פּראָפעסאָר פון ווארשאווער אוניווערזיטעט דר. מיעטשיסלאַוו מיכאַלאָוויטש האט בעקומען פון מלוכה-פּרעזידענט פּראָפ. מאָשטשיצקי אַ גאָלדענעם פערדינסט-קרייץ פאר זיין אָפּפערוויליגער אַרבייט לטובת די אַרבייטסלאָזע.

— די אינטערנאַציאָנאַלע ליגע פאר אקאדעמישער פרייהייט אין ניו-יאָרק האט פערעפענטליכט אַן׳אָפּענעם בריעף אונטערגעשריבען דורך 202 פּראָפעסאָרען פון 64 אוניווערזיטעטען, וואס אַפּעלירען צו די פוילישע קאָלעגען געגענצושטעלען זיך דעם סיסטעם פון „געטאָ בענק" אַלס אַזאַ, וואס איז פערעמד דעם גייסט פון אקאדעמישער פרייהייט.

על הנסים

חנוכה-פעליעטאָן

עס איז אַוועק מעה״ ווי צוויי טויזענד יאָהר זינט עס איז געשעהן דער נס חנוכה און נאָך פייערן מיר איהם ביז׳ן היינטיגען טאָג. קיין שום פאָלק אין דער וועלט, אפילו די ווין-נאָרדישע פעלקער קענען נישט אָנווייזען אין זייער געשיכטע אַ פאַסירונג, וואס זאָל האבען געשעהן מיט צוויי טויזענד יאהר צוריק מיט זייערע אור-עלטערען און זיי זאָלען עס יעצט נאָך האבען אין זייער היסטאָריע.

אין וואס בעשטעהט אייגענטליך דער נס חנוכה? די געשיכטע דערצעהלט, אַז די גריכען האבען געוואָלט פערטיליגען די יודען פיזיש און נאָכמעהר גייסטיג. זיי האבען געוואָלט אסימילירען די יודען און אָבמעקען די יודישע קולטור, עטיק, מאָראַל אד״גל. ביז אַ געוויסען גראַד איז זיי דאָס געלונגען. א טייל, און גראַד א גרויסער טייל פון די דאַמאָלסדיגע יודען, האבען זיך איינציגווייז אַסימילירט און ס׳איז געווען א געפאַהר, אַז ס׳זאָל אָבגעמעקט ווערען פון דער וועלט דער נאָמען יוד. אָבער ס׳איז געשעהן אַ נס. ביי א קליינע צאָהל פון די דאַמאָלסדיגע יודען האט נאָך געברענט דאָס פייער פון נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיגקייט און אין דער לעצטער מינוט האבען זיי זיך אַקעגענגעשטעלט דער פערניכטונגס-אַרבייט פון די גריכען. און כאָטש די נאַציאָנאַלע יודען זענען געווען ווייניג און די גריכען א סך, האבען די יודען דאָך גובר געווען. ווען מען האט שפעטער בודק געווען, ווי אַזוי עס זעהט אויס אין דער יודישער מחנה, האט מען געפונען א קליין קריגעלע אייל, וואס האט קוים געסטייעט אויף איין טאָג צו דערהאַלטען דעם יודישען דת. די יודישע מנהגים און אייגענאַרטיגקייט, איז געשעהן א נס, אַז אָנשטאָט איין טאָג האט דער אייל געסטייעט אויף גאַנצע 8 טעג.

די מעשה מיט׳ן קריגעל איז דאָך אַ סימבאָל. דאס האט געוואָלט בעווייזען, אַז אויב דער אייל, וואָס איז דאָ ביי א פאָלק בעשטעהט פון שמן זית, פון ריינעם לויטערען קוואַל, פון אינערציע, פון זעלבסטווירדע — איז עס אומשטאַנד צו ברענגען און צו לייכטען אויף דורות און אייביגקייטען.

דאָס איז דער גרויסער סוד פון עם הנצחי, וואס עגזיסטירט אייביג, און נישט קוקענדיג אויף די אַלע פּרובען דאס יודענפאָלק צו פערטיליגען, איז עס פאָרט קיינעם נישט געלונגען. און זאָל מען האָפען, אַז עס וועט אונזערע שונאים ווייטער נישט געלונגען.

זאָל מען זאָגען אָפען: איז עס דען ווירקליך נישט קיין נס, וואָס נאָך די אַלע פייניגונגען און יסורים, וועלכע מיר ליידען זיך אָן אַזוי פיעל הונדערטער יאהרען, פונדעסטוועגען עגזיסטירען מיר נאָך און מיר האבען גאָרנישט בדעה אונטערצוגעהן. פערקעהרט, וואס מעהר מען פייניגט אונז, וואס מעהר מען רייסט פון אונז שטיקער, אַלץ מעהר ווערט געשטאַרקט ביי אונז די ווידערשטאַנדס-פעהיגקייט און טראָץ די שונאים לעבען מיר און וועלען לעבען.

אין אַלע צייטען און דורות האט דאס דאָזיגע ביסעלע אייל, וואס האט געברענט אין אונזערע הערצער, בעלויכטען די וועלט, דערהאַלטען אונזער קיום און פערשאַפט ערגערניס אונזערע שונאים. ס׳האט זיי געבלענדעט זייערע אויגען און מיט אַלע מיטלען האבען זיי געוואָלט דאס פלעמעל אויסלעשען. האבען זיי געמאַכט גזירות רעות וקשות, איינגעאָרדענט קרייץ-צוגען, פּאָגראָמען, אויטאָ-דא-פעס, גירושים, און דאָך איז דאס פלעמעל נישט אויסגעלאָשען געוואָרען, דאָך לייכט עס נאָך עד היום הזה.

אויך אין אונזערע צייטען וויל מען פון אַלע זייטען ביי אונז אויסלעשען דאס פלעמעל, וואס לייכט זיך קוים. זאָל מען בעטראַכטען, ווי אַזוי עס זעהען אויס די היינטיגע נסים.

קודם כל מוז באַלד אין אָנהויב פעסטגעשטעלט ווערען, אַז אויב מיר לעבען נאָך נאָך די אַלע גזירות, צרות, ענוים, פּאָגראָמען און בלבולים דאס אליין איז שוין א גרויסער נס. און איצט זאָלען מיר א קוק טהון בפרטות, ווי אַזוי עס געשעהען אונז נסים אין אַלע צייטען — סיי אַלגעמיינע נסים און סיי אינדיווידועלע, סיי אין וועלט-אָדער לאַנדעס מאַסשטאַב און סיי לאָקאַלע, אין אונזער טשענסטאָכאָוו גופא.

דער אַריער-פּאַראַגראַף, וואס איז געוואָרען דער אני-מאמין פון אַלע אַנטיסעמיטען, וועלכען זיי בעמיהען זיך אַדורכצופיהרען אין לעבען, האט טראָץ דעם אַלעם פון צייט צו צייט אַדורכגעפאַלען. אָט למשל, האבען די אַנטיסעמיטישע אַדוואָקאַטען געגרייט איהם אַדורכצופיהרען אויף דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון ווארשאווער אַדוואָקאַטען-קאַמער און עס איז זיי נישט געלונגען; זיי האבען געכאַפּט די אמת׳ע מפּלה. איז אויב אין דער היינטיגער צייט האט זיך געקאָנט טרעפען, אַז 200 קריסטליכע אַדוואָקאַטען זאָלען שטימען געגען אַריער-פּאַראַגראַף, איז עס א גרויסער נס.

עס ווערט שוין באַלד א יאהר, זייט ס׳איז איינגעפיהרט געוואָרען די שחיטה-גזירה און פונדעסטוועגען, אויב ס׳איז נאָך פאָרט דאָ א כשר שטיקעל פלייש, איז עס א נס. אויב א העלפט קצבים האבען בעקומען קאָנצעסיעס, און די אַנדערע העלפט, וועלכע האט נישט בעקומען די קאָנצעסיעס האבען נאָך נישט אויסגעשאָכטען די קאָנצעסיאָנירטע קצבים, צוליב קנאה און אפשר מאַקי צוליעב׳ן שטיקעל ברויט, איז עס אויך א גרויסער אויסטערלישער נס. און ווייטער: אויב די יודישע קהלות, וועלכע האבען זיך כמעט אויסגעהאַלטען פון דער שחיטה און פונדעסטוועגען איז שוין א יאהר אַוועק זינט יענעם גזר-דין און די קהלות זענען נאָך נישט איינגעבראָכען, איז עס דער אמת׳ער נס.

א גרויסער נס איז אויך דאָס, וואס ביי אונז אין שטאָדט איז נישטאָ קיין יודישע דראָזשקאַזשעס. אַזוי-אַרום זענען מיר פּטור פון א צרה, וואס פּראַקטיצירט זיך אין אַנדערע שטעדט אין פוילען, וואו אויך ביי די דראָזשקאַזשעס ווערט איינגעפיהרט דער אַריער-פּאַראַגראַף.

דעם „בית-לחם", וועלכער טיילט נאָר פעקלעך אויף די ימים-טובים און נישט אַלע שבת, געשעהט א נס, וואַרום ווען זיי זאָלען טיילען טאַקי יעדע וואָך, וואָלטען זיי נישט בעוויזען צו פייערען קיין 15-יעהריגען יובל פון זייער טעטיגקייט. און אויב די „תומכי-עניים" טיילען יאָ יעדע וואָך די פעקלעך און פונדעסטוועגען האלטען זיי אויס די צרות איז טאַקי אַ נס.

אויב א יודישער מאַרק-שטעהער קאָן נאָך שטעהן אויפ׳ן זאַוואַדזיער מאַרק איז עס א אונפערשטענדליכער נס.

אויב נאָך אַזוי פיעל שויבען אויסהאַקען אין בית המדרש איז פאָרט נאָך געבליבען עטליכע גאַנצע שויבען איז עס א געוואַלטיגער נס.

אויב נישט אין טשענסטאָכאָוו נאָר אין סאַמע הייליגען טשענסטאָכובקע וואוינען נאָך יודען, איז עס איינע פון די גרעסטע נסים.

איבריגענס, צו וואס דאַרף מען זוכען נסים, ס׳וועט גענוג זיין צו זאָגען, אַז אונזער גאַנץ לעבען אין דער איצטיגער צייט איז איין גרויסער נס.

היות אָבער ווי מיר לעבען נישט בלויז מיט׳ן עבר און געגענוואַרט נאָר נאָך מעהר מיט דער צוקונפט, מיט דער האָפנונג, אַז מאָרגען וועט זיין בעסער (ווען נישט דער גלויבען אין א בעסערען מאָרגען, וואָלט איבערהויפּט נישט געווען מעגליך צו לעבען), דאַרף מען דעריבער פערענדיגען דעם פעליעטאָן מיט דער טראַדיציאָנעלער יודישער ברכה נזכה, זאָלען מיר זוכה זיין, אַז בקרוב זאָל אוועק די מרה-שחורה וואס בעהערשט לעצטענס אונזער געמיט און ס׳זאָל קומען א בעסער שענער לעבען. עס זאָל געשעהן דער גרויסער נס —

על הנסים.

סמאל

א שווערע כמארע געהט אויף יודען

פון פסח קאפלאן

די וויכטיגע געשעהענישען פון די לעצטע טעג אין פוילען, וואס האט איבערגעלאָזט אויף אונז יודען, אַן'אומגעהויערען רושם. און איהרע שפורען וועלען לאַנג-לאַנג נישט פערווישט ווערען, איז דער פויליש-קריסטליכער סוחרים קאָנגרעס אין ווארשא.

מ'קען גאָרנישט פערגלייכען די דאָזיגע שווערע פינסטערע כמאָרע אויף אונזער יודישען האָריזאָנט מיט דער אויסלייטערונג, וואס זעהט אויס צו קומען אויפ'ן אינערליך פאָליטישען געביט דורך דער מפלה פון דער אָזאָנישאָענערישער קאָנסאָלידאַציע. אמת, דאָ זענען געווען רייד און דאָרטען רייד, אָבער דאָ זענען רייד, וואס ברענגען צו מעשים און דאָרטען רייד, וואס ברענגען צו רייד.

די רעזאָלוציע פונ'ם סוחרים-קאָנגרעס הייסט, מ'זאָל אויפהערען קויפען ביים יודען, און דער מעמאָריאַל פון די פפ"ס מאָדערט, מען זאָל איינפיהרען דעמאָקראַטישע וואַהלען...

און נאָך עפעס; די אנטיסעמיטישע טענדענץ פונ'ם סוחרים קאָנגרעס האט שוין די בעשיינפערליכע סימפאַטיע פון די אויבערשטע מאַסגעבענדיגע קרייזען, אפילו פון די זעלביגע, וואס הערען זיך צו כלומר'שט מיט אויפמערקזאַמקייט און שפאַנונג צו די דעזידעראַטען פון פפ"ס.

און שוין-זשע קענען מיר האָפען אויף דער הילף פון דער דעמאָקראַטיע, וועלכע דאַרף זיך שטיצען אויף די פויערישע מאַסען, די זעלביגע מאַסען, וואס ליידען אַזוי שטאַרק פון ארבייטסלאָזיגקייט און ברויטלאָזיגקייט און די פוילישע אַנטיסעמיטען ווינקען צו זיי, זיי זאָלען קומען אין דער שטאָדט אריין און זוכה זיין פון הפקר'דיגען יודישען האַנדעל, וואס וואָלגערט זיך צווישען די בריק שטיינער? שוין-זשע קענען מיר וואַרטען, אז אַט די מאַסען וועלען אראָבבויגען דעם צינגעל פאַר אונזער טובה וועגען און נישט לאָזען אַדורכפיה-ען די עקסטערמינאַציע פון יודען אויפ'ן יורידישען און מלוכה פאָליטישען וועג?

עס האבען זיך יודען געטרייסט מיט'ן פאַקט, וואס די קריסטליכע סוחרים, די זעלביגע, וועלכע האבען אויף דעם קאָנגרעס געשטורעמט און געשטימט געגען יודישען האַנדעל, געוואָלט אַלע יודישע סוחרים „להשמיד ולאבד“ האבען אין די הפסקות צווישען איין קאָנגרעס-זיצונג און דער אנדערער, זיך געלאָזט אויף נאַלעווקעס און גענשא, אַנגעפיהלט דאָרט די יודישע קראָמען און אויסגעקויפט זייערע סחורות—געגעבען יודען א געשמאַקען פדיון.

די זעלביגע טרייסטערס דריקען אויך אויס אָפט זייער צער און זאָרג געגען די יודישע הורטאָווניקעס, וואס פערקויפען זייערע סחורות, און דווקא געגען גוטע בעדינגונגען, מיט גרויסע קרעדיטען, צו די אַלע ניי-אויפגעקומענע „אָוושעם“-סוחרים, וועלכע זענען געקומען ארויסצורייסען דעם האַנדעל פון יודישע הענד.

עס קומט אויס, אז די יודישע הורטאָווניקעס העלפען אליין, מיט זייערע אייגענע הענד, דערשטיקען דעם יודישען האַנדעל.

אָבער סיי די טרייסט, סיי דער צאָרן זענען נישט בעגרינדעט.

אנטיסעמיטיזם איז טעאָריע, וועלכע דאַרף נאָך ערשט ווערען קאָנקרעטיזירט דערווייל אָבער, איידער די טעאָריע וועט ווערען ווירקליכקייט, קען מען דאס לעבען מיט געוואַלד נישט איבערמאַכען.

אז דער שטעדטישער אָדער דאָרפישער קריסטליכער סוחר האט די געלעגענהייט, אויסצונוצען זיין נסיעה קיין ווארשא און איינקויפען סחורה בילינער, זאָל זיין דערווייל ביים יודישען גרויסהענדלער, און ווען די געלעגענהייט נישט אויסנוצען, וועט ער זיין א מלמד, נישט קיין סוחר, און אז דער געבענשער סוחר, וועלכער האט געזאָלט צאָהלען שטייערען און וועקסלען און דעם פערסאָנאַל און געבען דעם ווייב אויף דער הוצאה, און קיין יודישע סוחרים קומען נישט, ווייל זיי זענען דערשטיקט און דערדריקט, אז אָט דער געפשער און נאַלעווקער הורטאָווניק וועט נישט פערקויפען קיין סחורה דעם גוי פונ'ם קאָנגרעס, וועט ער זיין א מתחייב בנפשו. „עולם כמנהגו נוהג“.

אַלץ איז דאָך פערבייגעהענדיג, אַזוי גיך זאָלען מיר האבען די אמת'ע ישועה ווי גיך עס וועלען זיין פוילישע הורט-סוחרים, סיי אין ווארשא און סיי אויף דער פראָווינץ, וועלכע וועלען קאָנקורירען מיט'ן יודישען הורטאָווניק, פונקט ווי דער פוילישער סטראַגאַנשטשיק און קליינקרעמער קאָנקורירען שוין איצט מיט'ן יודישען קליינעם הענדלער.

און גאָר קנאָפּ וועט אונז גרינגער ווערען אפילו אויב ס'זאָל טריאומפירען די פאָליטיק פון די לינקערע עלעמענטען אין פוילען,—כאָטש מיר דאַרפען אוודאי זיך אָריענטירען אויף אָט דער עווענטועלקייט. ס'וועט אונז קנאַפּ גרינגער ווערען דערפאַר, ווייל אויב ס'זאָל געשאַפען ווערען א מין צענטראָ-לינק—פון וואס ס'האַלט נאָך זעהר ווייט—וואָלט ער געהאט ביל-כערע דאגות, ווי פערטיידינען דעם יודישען סוחר, און מיר וואָלטען געמוזט אויסשטיין די פערשטאַרקטע קאָנצענטרירטע אַטאַקע פון דער רעכטער אָפּאָזיציע, בפרט די לינקע האָבען אין זייער פאָליטיק גאַנץ בעזונדערע אנטי יודישע רעצעפטען, וואס בעשטעהען פון כל'ערליי סטאַטיסטישע און מלוכה-מאָנאָפּאָליסטישע עקספערימענטען...

איין תירוץ האבען מיר אויף אלע קשיות: נישטאָ וואוהין צו ענטלויפען. וואָלטען יודען געהאט א מקום מקלט, וואָלטען שוין איצט נישט געהאָלטען קיין שום טעאָריעס פון ראַינקייט, קיין שום אָפּטימיסטישע חשבונות פון איבערוואַרטעניש אויף בעסערע צייטען.— מיט געוואַלד קען מען נישט בעליבט זיין און אז מ'טרייבט מוז מען גיין.

אָבער ווער קען אָנווייזען דעם פוילישען יוד אַנ'אָרט פון אימיגראַציע? ארץ-ישראל קען אפילו אין בעסטען פאַל נישט אויפנעמען קיין גרויסע יודישע מאַסען איג'ם נויטיגען פערנעם? קיין מאַדאַגאַסקאַר דאַרף ערשט, זאגט מען אָבגעהן א צווייטע עקספּעדיציע פון „דזשאָינט“; אנדערע טעריטאָריעס זוכט נאָך ערשט דער „פריילאַנד“, גענוי לויט דער זעלבער סיסטעם, ווי ס'האט זאַנגווילס טעריטאָריאַליזם געזוכט מיט 30 יאהר צוריק. אנדערע לענדער האַלטען הערמעטיש פערמאַכט טהיר און טויער.

און אז נישטאָ וואו צו גיין, מוז מען דאָ בלייבען; און אז מ'מוז דאָ בלייבען, איז נישטאָ קיין אנדער אויסוועג, ווי זוכען דאָ אויפ'ן אָרט א רפואה.

אוודאי קענען מיר זיך ריכטען, ארויסגעשטויסען צו ווערען פון אלע פאָדערשטע און אָנזעהעוודיגע פאָזיציעס פון האַנדעל. אַלץ, וואס ס'איז פערבונדען מיט מלוכה-קרעדיט, מיט קאָנצעסיעס, מיט גרויסצוגיגער האַנדעל-פאָליטיק, מיט איגוועסטיציעס און אנדערע גרויסע אונטערנעהמונגען, וועט זיין פאַר אונז טאָבו.

מיר וועלען קעמפען, זיך נישט לאָ-

חנוכה

פון ש. ניגער

חנוכה איז כמעט גאָרנישט געווען קיין יום-טוב ביי יודען. מען האט זיך אפילו נישט איבערגעטהון לכבוד חנוכה. און מען האט נישט געגרייט קיין יום-טוב'דיגע מאכלים, נישט געפראַוועט קיין סעודה. עס איז געווען רעכט, מען זאָל „אפילו“ קיין לאַטקעס נישט באַקען. און אין חדר, געדענקט זיך, האט מען א האלבען טאג געלערנט. מען האט געקריגען חנוכה-געלד, אָבער —דער נאמען אליין ווייזט, אז ס'איז געווען מעהר פראַפאַן, ווי, א שטייגער, שלח מנות. מען האט געשפּילט אין דריידלעך, נאָך מעהר—אין קאָרטען. ס'איז נישט געווען קיין פייערליכקייט אינ'ם שפּילען. ס'איז געווען נאָך ווינציגער צערעמאָניעל, ווי פּורים-שפּיל. ס'איז געווען א וואָכעדיגער יום-טוב.

ס'האט נישט געהאָלפען וואס פון יהודה המכבי'ס מיליטערישער גבורה זענען געוואָרען רעליגיעזע נסים ונפלאות: אונזער נאַציאָנאַלער בעוואוסטזיין האט נישט געקענט פערדייען די חשמונאים מיט זייערע מלחמות, און זיי זענען אינאיינעם מיט בר כוכבא'ן און אנדערע גבורים, אויסגערוגען, אויסגעוועפּט געוואָרען פונ'ם יודישען פאָלקס זכרון.

זיי האבען זיך אריינגעגנב'עט אין סידור, ווי „חלשים“, וואס גאָט האט געטהון א נס און איבערגעגעבען אין זייערע הענד גבורים; זיי זענען פאָרט אָבער געווען גבורים נישט קיין חלשים; די אַכט ליכטלעך האבען זיי אריינגעשטעקט, לויט א לעגענדע „אין אַכט אייזערנע שפּיזען“: איז עס נישט געווען לויט דעם שפּעטערדיגען יודישען גוסט.

יודען האבען, זינט נאָך בר כוכבא'ן, פערוואָרפען און פעראַכט אַלץ, וואס האט א שייכות צו שפּיזען.

יודען זענען געוואָרען א פרידליך פאָלק, א פאָלק, „וואס האט ענטפּלעקט פאַר דער וועלט די מאַכט פון פּאַסיווען ווידערשטאַנד“, דעם וואונדער פון הייליגער עקשנות א פאָלק, וואס מיט זיין עצם עקזיסטענץ האט עס מאַניפעסטירט די מעגליכקייט צו דערגרייכען מיט גייסט, מיט גלויבען, וואס אנדערע האבען נישט געקענט אויפטהון מיט כח. א פאָלק, וואס האט פערלאָזט די שטיינערנע ווענט פון ביתר, די ווענט, וועלכע האבען נישט געקאָנט מעהר שיצען—און זיך בעזעצט און בעפעסטיגט זיך אין יבנה.

עס איז פון העכסטער וויכטיגקייט, וואס די חשמונאים זענען נישט פערהייליגט געוואָרען, כאָטש זייער כוונה און זייער ציעל איז געווען צו היטען די הייליגקייט פון דער תורה און פון די מצוות. ציילען און כוונה'ס אליין זענען נישט גענוג. דער עיקר איז וואס מען טהוט און ווי מען טהוט עס. די דורות פון די תנאים, ווי אויך אלע שפּעטערדיגע דורות, זענען נישט געפעלען געווען די מעשים, די מיטלען און די וועגען פון די חשמונאים.

די רב עקיבא'ס זענען געווען אויסנאַמען. אלע אנדערע יודישע פיהרער האבען איינגעזאַפּט אין זיך דעם גלויבען, אז נישט די יהודה המכבי'ס נישט די בר כוכבא'ס און נישט די ראובנ'ס וועלען ברענגען די גאולה...

און ערשט אין אונזערע צייטען, ווען די געשיכטע האט זיך פערגוּנען איינעם פון איהרע געוועהנליכע פּאַראַדאָקסען—און אין דער טומאה פון אסימילאַציע איז געבוירען געוואָרען דער געדאַנק, אז יודען זענען (אָדער דאַרפען זיין) א פאָלק, ווי אלע אנדערע פעלקער,—ערשט אין אונזערע טעג איז אויפגעלעבט געוואָרען דער חנוכה יום טוב, און די חשמונאים זענען געוואָרען, העלדען ביי יודען.

איצט זענען זיי שוין מעהר נישט קיין „שוואַכינקע“, וואס על פי נס האבען זיי בייגעקומען „די שטאַרקע“.

זען און וועלן מסתם אָבהאַלטען קליינע נצחונות און גרויסע מפּלות, די שטאַרקערע וועלען זיך האַלטען און די שוואַכערע וועלען בלייבען הינטערשטעליג און וועלען סוף כל סוף מוזען זוכען זייער ברויט אין הינטערשטע רייהען, האַלטען זיך נידריג ביי די טאַמע אונטערשטע פאָלקס-שיכטען, לעבען פון גראָשענעם האַנדעל און גראָשענער מלאכה, ווי ס'איז, אגב, געווען אויך פריהער, איידער ס'האט זיך אונז געדוכט, אז מיר זענען אריין אין דער פאַזע פון פרייהייט און גלייכהייט.

דער חלום איז געווען א שעהנער, דער פּתרון איז זעהר א טרויעריגער.

אָבער מיר האבען א שעהן אַלט לידעל: בשעת ס'וועט קומען די ישועה, וועלען מיר זיך אַרומזעהען, אז דאס פריהערדיגע איז געווען בלויז א חלום...

א גרויסע ערוואַכונג וועט פאָרט מוזען קומען...

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

חנוכה...

אמאָל האט מען פון חנוכה געמאַכט א שטיקעל יום טוב, מען איז זיך צוזאַמענגעקומען צום ראש פון דער משפחה, מען האט פערזוכט די גריווען פון אויסגעלאָזענעם שמאַלץ, געגעסען לאַטקעס מיט טהעע און זיך געוויילט, שפּילענדיג אין דריידעל אָדער א „קוויטעל“.

היינטיגע צייטען איז שוין נישט דער אמאָליגער חנוכה. אמת, קאָרטען שפּיעלט מען היינט אויך, נאָר נישט דוקא אין חנוכה. דערפאַר אָבער פיהלט מען שוין נישט די יום טוב'דיגקייט פון חנוכה, מען האט נישט דעם קאָפּ זיך צו שפּיעלען. און ווער לאָזט דאָס היינט אויס שמאַלץ אויף פסח אום חנוכה — איז טאַקי נישטאָ קיין גריוועו. אויך די לאַטקעס קאָנען נישט גענומען ווערען אין מויל אריין, ווייל זיי, די „לאַטקעס“, צפּושן, זיי שטעהען אלס פּיקעטניקעס ביי די יודישע געוועלבער אָדער. פערקויפען דאָס פּאַפּקורסטווע, וואס מען רופט היינט אָן „ראָויקאַלע“ צייטונגען...

הכלל, ווי איהר זעהט, האבען זיי, אָדער אפשר האט די צייט געמאַכט א תל פון אמאָליגען חנוכה מיט די גריוון, מיט די לאַטקעס און מיט'ן דריידעל (עס דריידעלט זיך היינט אפילו גענוג אין קאָפּ...) אלזוי, טאָ וואָס איז אונז געבליבען — נישט מעהר ווי די ליכטלעך, דאס אנדענקען; דאס קען אונז קיינער נישט שטערען, און דערפאַר טאַקי וועלען מיר מוזען דעם הייליגען חנוכה יוצא זיין בלויז מיט ערינערונגען, מיט זכרונות פון אמאָליגע חנוכה'ס.

אמת, נישט אלע ווילען זיך אונטערגעבען, מען פּרובט נאָך די כחות דאָ און דאָרט. די אָדער יענע אָרגאַניזאַציע אָרדענט נאָך איין א פאָרשטעלונג, אַנ'אויפטריט; די אָדער יענע שולע מאַכט א חנוכה-פייערונג, עס איז אָבער נישט דאָס, וואס אמאָל.

מעגליך, אז עס וועלען נאָך קומען אַנדערע צייטען און דער נס חנוכה וועט ווערען א פאַקט אין לעבען, דערווייל אָבער, בזמן הזה, איז עס נישט דאָס, ניין, מען פיהלט נישט דעם יום טוב חנוכה..

עס איז א זעלבסטפערשטענדליכע זאַך.

א סך טרעגען זיך אַזא שאלה: פאַרוואָס — זאָגען זיי — האט דער ארטיסט קאַמען געהאַט אַזא קאָלאָסאַלען ערפאָלג, איגדערצייט, ווען די ארץ-ישראל-ארטיסטען, נעמי ליף און יוסף גאַלאַנד האָבען געהאַט א דורכפאַל. אויך איך האב זיך געפרעגט די דאָזיגע שאלה, און אָט וואָס איינער א חכם האט געענטפערט:

נעמי ליף און יוסף גאַלאַנד די ארץ ישראל-ארטיסטען זענען טאַקי זעהר בעגאַבטע, און אויב מען זאָל ריכטיג אָבשאַצען, קאָן מען זאָגען, אז זיי זענען קינסטלער. די מעשה איז אָבער, וואס זיי האבען פאָרגעטראָגען זייער קונסט אין א שפּראַך, וואס איז אונפערשטענדליך פאַר די ברייטע פאָלקס-מאַסען, אָט פאַר די מאַסען, וועלכע לעכצען נאָך א יודיש וואָרט, פאַר דעם עולם, וועלכער איז דער פאַקטישער קאָנסומענט פון יודיש טעאַטער.

די אינטעליגענץ, וועלכע אָנערקענט נישט יודיש פאַר קיין שפּראַך און זאָגט, אַז פאַר איהר עגזיסטירט פויליש, און באַלד גיט זי צו: „אוושעם, העברעאישסקי יענזיק יעסט יענזיקיעם“, אָבער קאָנען קאָן נישט די אינטעליגענץ קיין העברעאיש, איז דעריבער קיינער פון דער אינטעליגענץ נישט געקומען. און אפילו די ציוניסטען, וועלכע האבען שטענדיג א פול מויל מיט נאַציאָנאַלע פראַזען וועגען קיום האומה און קיום השפה העברית, האבען אויך ליעב צו געהן אויף פוילישע אימפּרעזעס. ייען ס'קומען אָבער ארטיסטען מיט א העברעאישער פאָרשטעלונג פון סאַמע ארץ ישראל, האבען זיי אויך נישט קיין חשק צו קומען.

דאַגעגען אָבער—זאָגט ווייטער מיין יוד—ווען עס קומט אָבער אַזאַ גרויסער קינסטלער, ווי עס איז קאַמען, וועלכער גיט זיין קונסט אין דער יודישער שפּראַך, אין דער שפּראַך, וואס לעבט אין די פאָלקס-מאַסען, קומען זיי, לויפען זיי צו הערען דאס לעבעדיגע יודישע וואָרט פון די גרויסע דיכטער און פאָעטען.

און פערשטעהט—זאָגט ווייטער דער זעלבער—אַז די ארץ-ישראל-ארטיסטען זענען געווען צוויי און געגעבען האבען זיי א פערשידענאַרטיגען פּראָגראַם: טאַנץ און שפּיעל. די אַפּישען זענען געהאַנגען אין די גאַסען העכער א וואָך צייט און די אָווענדען זענען פאָרגעקומען פרייטאג צו נאַכטס און שבת — ווען דער עולם האט צייט צו געהן. דאַגעגען קאַמען איז געקומען אין א פּראָסטען מיטוואָך און די אַפישען זענען געהאַנגען נישט מעהר ווי 2 טעג, און פונדעסטוועגען האבען יענע געהאט א דורכפאַל און קאַמען האט געהאַט אַזאַ קאָלאָסאַלען ערפאָלג.

איך האב אפילו געוואָלט אָבוואַרפען יענעמס אַרגומענטען און עס אויסטייטשען אַביסעל אַנדערש. איך האב געוואָלט זאָגען, אַז דאס איז אַ מזל-זאַך. דערביי האב איך געוואָלט ברענגען פערשידענע ראיות, אַז א סך גרויסע ארטיסטען האבען געהאַט א דורכפאַל און גראָד פאַרסאַטשעס האבען געהאַט ערפאָלג. מיין יוד האט זיך אָבער נישט געלאָזט איבערצייגען, ער האט זיך געהאַלטען פעסט ביי ס'זייניגע, אַז די ארץ-ישראל-ארטיסטען האבען נישט געהאט קיין ערפאָלג, ווייל זיי האבען פאָרגעטראָגען אויף העברעאיש און קאַמען האט געהאַט ערפאָלג נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס ער האט פאָרגעטראָגען אויף יודיש. ביי איהם, ביי מיין יודישיסט, איז עס אַ זעלבסטפערשטענדליכע זאַך.

א פּאָר שטרענגע ווערטער צו די יודישע מאָלער-מייסטערס.

זאָגט נאָר, איהר חברים, יודישע מאָלער-מייסטער, איהר, וועלכע האט שטענדיג פּרעטענסיעס, וואס מען באָיקאָטירט אייך, פאַרוואָס מען מיידט אייך אויס — פאַרוואָס פרעגען מיר אייך — מיידט איהר אויס צו בעשעפטיגען יודישע מאָלער-ארבייטער.

פאַרוואָס — פרעגען מיר?

אייער תירוץ, אַז די קריסטליכע אונטערנעהמער אָדער הויז-אייגענטימער, ביי וועלכע איהר נעמט אָן די ארבייט, פערלאַנגען דורכאויס, אַז ביי דער ארבייט זאָלען זיין בעשעפטיגט בלויז קריסטליכע ארבייטער, האַלט נישט אויס די מינדעסטע קריטיק. דער בעסטער בעווייז דערצו איז, אַז אפילו ווען איהר נעמט אָן ארבייט ביי ריין-יודישע אונטערנעהמונגען, מיידט איהר אויך אויס יודישע אַרבייטער.

איך וויל דאס מאָל נאָך נישט דערמאָהנען די נעמען פון די יודישע מאָלער-מייסטער, וועלכע איגנאָרירען יודישע ארבייטער, נאָר איך בין מבטיח, אַז אויב די דאָזיגע בעציהונג וועט זיך נישט ענדערען, וועל איך אָהן ריקזיכט זייערע נעמען פערעפענטליכען און זאָל די יודישע געזעלשאַפט פון אונזער שטאָדט וועגען דעם אורטיילען.

דעריבער, מיינע פריינד, מאַך איך אייך אויפמערקזאַם מיט'ן הארבען וואָרט, אַז איהר זאָלט וויסען, דאס אויב איהר וועט ווייטער איגנאָרירען די יודישע מאָלער-אַרבייטער, צווישען וועלכע עס געפינען זיך טאַטעס פון קינדער וואס הונגערען און זאָגאַר עושקלאסיגע בעלי מלאכות, וועלען מיר געגען אייך ארויסטרעטען זעהר ענערגיש.

לייגט מעהר אַכט אויף דער ריינקייט פון דער שפּראַך.

ביי דער אָרגאַניזאַציע החלוץ-הכללי-הציוני, עגזיסטירט א דראַמאַטישער קרייז. ביז איצט האבען זיי מיט זייער קונסט זיך נאָר בעוויזען אין א היימישער סביבה, צווישען אייגענע. דעם פערגאַנגענעם שבת אָווענד זענען זיי צום ערשטען מאָל ארויסגעטרעטען עפענטליך פאַר אַנ'עולם, אין זאַל פון „מכבי“.

איך וויל דאס מאָל נישט קריטיקירען אָדער לויבען, כאָטש די יונגע אַמאַטאָרען וואָלטען זיך זעהר געניטיגט אין אָנווייזונגען. א פאַקט אָבער איז, אַז צווישען די אַמאַטאָרען פון אויבענדער-

זיי זענען די אמת'ע גבורים.

און—נאך א פאראדאקס: די היינטיגע ספארט יודישקייט, די וואס קולטיווירט דעם „העלעניזם", וועלכער איז פון די מאקאבעער אזוי העלדיש בעקעמפט געווארען – פאראדירט אונטער דעם פלאג „מאקאבי"...

א היסטארישער נאמען און א היס-טארישע טראדיציע, וועלכע האבען בעקומען אנ'איגהאלט, וועלכער איז פונקט דער היפוך פון דעם זין, וואס זיי האבען געהאט אין דער פערגאנ-גענהייט.

פארוואס האבען געקעמפט די אמא-ליגע מאקאבעער, די אמת'ע חנוכה-העלדען? פאר דאס רעכט צו זיין אנ-דערש, ווי אלע אנדערע פעלקער, וואס ווילען די, וואס האבען אויפגע-לעבט די מאקאבעער-טראדיציע? זיי ווילען מיר זאלען זיין א פאלק ווי אלע אנדערע פעלקער.

פון א אנטי-העלעניסטישער יודישער בעוועגונג איז אויסגעוואקסען א פראג-ראם און א טאקטיק פון יודישען העלעניזם...

אנטיוכוס הרשע האט געוואלט, אז „אלע פעלקער, וואס זענען אונטער-טעניג דער סורישער אימפעריע, זאלען ווערען איין פאלק און אז יעדעס פון זיי זאל זיך אבזאגען פון זיינע בעזונדערע מנהגים" (ספר החשמונאים, 1). היטלער וויל דעם היפוך דערפון. ער וויל, אז יודען זאלען נישט זיין איין פאלק מיט די דייטשען. ער וויל יודען ארויסשטויסען, איזאלירען. ער וויל א יודישע געטא.

אנטיוכיוס האט געוואלט, אז יודען זאלען געהן אין די גריכישע טעמפלען, אין די גריכישע ספארט-קלובען, אין די גריכישע טעאטערס. די היינטיגע שונאי ישראל טרייבען יודען פון די „ארישע" טעמפלען, „ארישע" טעאטערס און „ארישע" ספארט פעראיינען.

די סיריער און די העלעניסטען, גע-גען וועלכע די חשמונאים האבען אזוי ביטער געקעמפט, האבען די יודען גע-וואלט סיריזירען, העלעניזירען; די היטלערס ווילען, אז יודען זאלען דוקא זיין יודען. די היטלערס זענען געגען דעם יודישען העלעניזם, געגען דער גערמאניזאציע פון יודען.

דאס איז גאר אנ'אנדערע צרה.

נישט מען וויל יודען מיט געוואלד מאכען פאר אויס יודען, כדי זיי זאלען אנטיילגענומען אינ'ם אלגעמיינעם-לעבען, נאר מען וויל, פונקט פערקעהרט, זיי מאכען מיט געוואלד פאר יודען, כדי זיי אבצוטיילען און אבצוזונדערען פונ'ם אלגעמיינעם לעבען.

צו וואסער פארטיי וואלטען די דייטשע יודען און א גרויסער טייל פון די פוילישע אדער רומענישע יודען געהערט, ווען זיי זאלען האבען גע-לעבט אין די צייטען פון די חשמונאים? צו די חסידים, דער פארטיי פון מתתיהו און זיינע פינף זיהן, חנה און איהרע זיבען זיהן? ניין, זיי וואלטען זיך גע-פונען צווישען די העלעניסטען, צווישען די, וואס האבען זיך געגעבען גריכישע נעמען און גערעדט גריכיש צווישען די, וואס האבען זיך אבגעגעבען מיט גריכישען ספארט און איבערגענומען אנדערע גריכישע פיהרונגען...

און דאך איז עס א פאקט, אז די זעלביגע יודען, וועלכע וואלטען זיך געפונען אמאל אין דעם לאגער, וואס איז בעקעמפט געווארען פון יהודה המכבי, זענען גרייט איצט צו געהן אונטער דער פאהן פון די מאקאבעער.

אויב יודען האבען אמאל געהאט מוט און מח נישט לאזען זיך דיקטירען פון אנדערע, וועלען זיי עס איצט אויך האבען.

פון א בעזוך אין די „זיבען קהלות"

(רייזע-איינדרוקען)

די זיבען קהלות פון בורגענלאנד, פריהער געהערט צו אונגארן, איצט צו עסטרייך, זענען איבעראל בעקאנט מיט דער בעצייכענונג „די זיבען קהלות". פיעל יאהרהונדערטער שטעלען זיי מיט זיך פאר איין געשיכטליך גאנצעס און א קרעפטיגער צענטער פון עכטער קערנדיגער יודישקייט, פון וואנען עס זענען ארויסגעגאנגען פיעל גרויסע יו-דישע גדולים און גאונים. איינע פון די זיבען קהלות, א י י ז ע נ ש ט א ט איז בעקאנט מיט איהר גרויסען מנהיג הגאון ר' מאיר אייזענשטאט זצ"ל, בע-ריהמט מיט'ן נאמען דער „פנים מאי-רות", אויפ'ן נאמען פון זיין חבור אויף משנה. אין אייזענשטאט איז געבוירען געווארען ר' עקיבא אייגער זצ"ל און פון דער שפעטערער צייט איז בעקאנט אלס רב אין אייזענשטאט הגאון ר' עזריאל הילדעסהיימער זצ"ל, וועלכער איז פון דארט אויפגענומען געווארן אין בערלין. די קהלה מאטערסדארף, איצט מאטערסבורג, וועלכע געהערט אויך צו די זיבען קהלות, איז בעקאנט דערמיט, וואס דארט איז א לענגערע צייט געווען רב דער „חתם סופר" זצ"ל.

נאך ביים היינטיגען טאג האבען די „שבע קהלות" איינגעהיט זייער אייגע-נע טראדיציע אין שטאלץ. אמת, די נייע גרעניצען איינטיילונג האט דורכ-געפיהרט א געוויסען ריס איבער דעם ארגאניזם פון די „שבע קהלות", גראד די שטאדט אלדענבורג, וואס איז גע-ווען די הויפט שטאדט, געפינט זיך איצט אויף דער אנדערער זייט גרעניץ, אין אונגארן. איצט איז די הויפט-שטאדט פון בורגענלאנד אייזענשטאט, אבער וואס פאר א בשייטונג האבען גרעניצען, נעמען ענדערונגען א. ד. גל. אין מלכות פון יודישען גייסט, וועלכע בעזיצט און היט איין איהרע אייגענע גרעניצען!

אז מיר זענען ארייננעפאהרען אין אייזענשטאט האט זיך דאן דער רע-גענדיגער וועטער געהאט אויסגעליי-טערט. מיר פאהרען דורך א לאנגע גאס מיט שעהנע מאדערנע געשעפטען. דאן פערקירעווען מיר אין א ווינקעל-גאס, וועלכע פיהרט אונז צו א פרייען פלאץ. פון דארט א קליין געסיל און א צווייטעס ארום דעם מארק–דאס איז דאס יודישע אייזענשטאט, די הויפט-געמיינדע פון בורגענלאנד. ס'איז דאס אלטע יודישע געטא אין אייזענשטאט, וואו עס וואוינען נאך איצט בלויז יו-דען און שטעלט מיט זיך פאר אנ'אוי-טאנאמען ווינקעל אינערהאלב דער שטאדט, מיט בעזונדערע שטאדט רעכט, וואס דער אייזענשטאטער געטא האט איינגעהיט פון אלטע צייטען.

הינטער די גארדינען אויף די קליי-נע פענסטער ביי די זייטען פון גאס איז געווארען לעבעדיג. מיט נייגע-ריגקייט קוקט מען פון דארט ארויס אויף אונז, די פרעמדע, וועלכע געהען ארום פון וואגען בעקוקען די מערק-ווירדיגקייטען פון דער אלטער קהלה. אויפ'ן מיטען פלאץ שטעהט דער אל-טער קהל'שער צי-ברונעם, פון וועלכען מ'שעפט נאך-עד היום וואסער. איינער פון די אנוועזענדע ווענדעט זיך גלייך צו אונז מיט א פראגע, צי מיר האבען שוין געזעהן די ק י י ט ע ן – און באלד זעהען מיר זיי טאקע. דאס זע-נען לאנגע אייזערנע קייטען, מיט וועל-כע אלע פרייטאג פארנאכט ביז מוצאי-שבת ווערט די גאס אבגעשלאסען פון דאס איבריגע טייל שטאדט, אום די היילינע שבת'דיגע מנוחה זאל נישט געשטערט ווערען דורך פוהרען און אנדערע פרעמדע טענער און קלאנגען.

דאס איז גאר אנ'אלטע תקנה איינגע-פיהרט – ווי מ'זאגט – פון בעל פנים מאירות זצ"ל, וואס ווערט שטרענג אב-געהיט עד היום הזה. אלע פרייטאג צו דער שקיעה ווערט די קייט פער-צויגען און קיין פוהר אדער אויטא פאהרט טאקע נישט דורך דורכ'ן גע-טא אין א שבת'דיגען טאג (א חוץ אין אומגליקס-פאלען און אין פאלען וואס האבען צו טהון מיט תיכפ'דיגע מעדי-צינישע הילף). אט אזוי ווערען אין דער דאזיגער אלטער טראדיציע-שטאדט אבגעהיט די עטליכע הונדערט יאהריג אלטע פריווילעגיעס, אהן קיין שום שטער אויך מצד דער איצטיגער מאכט.

דער ליבענסווירדיגער אייזענשטאטער רב, וועמען איך האב אויסגעדריקט מיין התפעלות וועגען דער אלטער איינריכטונג, זאגט מיר אבער מיט א טיפען זיפץ: „די גאס איז אונז געבלי-בען, דער שבת אויך, דאס זעלבע די קייטען, אבער ס'געפינען זיך פיעל אזוינע וואס רייסען שוין די קייטען... זיי האבען איבערגעלאזען דעם שבת מיט די קייטען און זיך איבערגעקליבען מיט זייערע געשעפטען אין דעם אנדע-רען טייל שטאדט, וואו ס'איז נישטא קיין שבת, נישט קיין קייטען און אי-בערהויפט קיינע צוימונגען...

איך געה דאן מיט די שפורען פון רבי עקיבא אייגער זצ"ל. זיין געבורטס-הויז אין זיין אלטער פארם איז שוין מעהר נישטא. אויף דעם ארט געפינט זיך דער שטאדטישער „הקדש", ס'איז א שעהן הויז מיט א ווייבער גערטענ-דיל פון פערענט און דיגט אלס מושב זקנים. דערביי שטעהט דאס פייערלע-שער-הויז פון דער יודישער געמיינדע, און ווי איך הער, בעשטעהט די פייער-לעשער-קאמאנדע פון ארטיגע ישיבה-בחורים, וועלכע ווייזען ממש וואונדער אין זייערע איבונגען, אונטער דער אנ-פיהרונג פון א קריסטליכען אינסטרוק-טאר. אויף דעם אונטערשטען שטאק פון בית הרב טרעפען מיר לייענען איי-ניגע מעלדונגען – קענטיגע סימנים פון דער פערבליבענער יודישער גע-מיינדע-אויטאנאמיע. אויך דאס יודישע וואך-הויז געפינט זיך דארט, דערביי העננט צווישען צוויי הויכע שטאנגען א גרויסע וועכטער-לאמטערנע, וואס אזעלכע איז צו זעהען אין ווארמסטער יודישען מוזעאום. די דאזיגע לאמטער-נע ווערט אויך איצט אנגעצינדען אין די פינסטערע נעכט פון אנהויב און סוף חודש. פון דאנען פלעגט עס משמעות א ביסעל בעלויכטען ווערען די יודישע נאכט...

די יודישע שולע, וועלכע געפינט זיך אויך דערנעבען, ווערט זעהר גוט געפיהרט, דערביי איז אויך פערהאן א העכערע שולע, וועלכע טראגט דעם כאראקטער פון א קלענערע ישיבה. דארט געפינט זיך אויך א ארכיוו, וואו ס'זענען אונטער'ן גלאז צו זעהען ווערטפולע אקטען און דאקומענטען פון די בליהענדסטע צייטען פון אייזענ-שטאטער קהלה און פון גאנץ בורגנ-לאנד.

נאך עטליכע שעה קומען מיר אין מאטערסדארף, אדער – ווי ס'ווערט איצט גערופען – מאטערסבורג. די דארטיגע איינוואוינער און די לאקאלע מאכט שעמען זיך מיט'ן צולייג: דארף. און זיי ווילען נישט לייידען, אז מ'דער-מאנט עס זיי. פאר די יודען בלייבט אבער מאטערסדארף – מאטערסדארף, ווייל דער „חתם סופר", וואס איז דא געווען רב פאר פרעסבורג, איז פער-בונדען מיט'ן נאמען מאטעסדארף. אין מאטעסדארף זענען קיין קייטען נישט פערהאן, אבער אויך אהן אייזערנע אב-שליסונג איז די יודען-שטאדט, מעהר אין אינערליכען זין, א בעזונדערע מלוכה פאר זיך.

ווי אין אייזענשטאט, אזוי אויך אין מאטערסדארף זענען אלע געשעפטען געווען – ס'איז געווען חול - המועד סוכות – האלב געשלאסען. דער יודי-שער עולם איז יום-טוב'דיג געקליידעט און אויך די שטימונג איז יום-טוב'דיג. ביי די טהירען שטעהען די סכות אין א לאנגער רייהע און פון אנדערע פון זיי הערען זיך יום-טוב'דיגע זמירות און לערן-נגונים.

טש.

מאנטען קרייז זענען פערהאנען פעהיגע און ביי א גוטער ארבייט און ביי א געהעריגער רעזשי וואלטען זיי גע-קאנט לייסטען אויפ'ן געביעט פון דראמאטישער קונסט. צווישען אונז זאל עס בלייבען – זענען אויך צווי-שען זיי פערהאנען איינצעלנע, וואס וואלטען זיך נעדארפט באלד געזעג-נען מיט'ן קרייז, ווייל קיין טובה וועלען זיי מיט זייער „קונסט" איהם נישט ברענגען. אבער נישט וועגען דער קונסט געהט איצט. אויב איך האב גע-נומען א ווארט וועגען דעם, איז עס צוליעב עפיס אנדערש, איך מיין וועגען דער ריינקייט פון דער שפראך.

די אלע אנטיילנעמער פון דראמא-טישען קרייז זענען פיעל-ווייניג אינטע-ליגענטע יוגענדליכע, וועלכע לעזען און רעדען יודיש. טא זאגט מיר, רבותי, פארוואס האט איהר גערעדט א שלעכ-טען יודיש, אזוי אז דאס האט זאגאר שאקירט. אויף וועמען, אויף וועמען – ביי אייך האט דאס נישט געטארט פא-סירען, איהר דארפט מעהר אכט לעגען אויף דער ריינקייט פון דער שפראך.

מיט אייער איינגעארדנען דראמאטישע פארשטעלונגען זענט איהר ווערט בע-גריסט צו ווערען, נאר אין דער צו-קונפט, אז איהר וועט נאכאמאל מאכען א ליטעראַרישען אווענד, וואלט געווען געווינשען, אז איהר זאלט מעהר אכט לייגען אויף דער ריינקייט פון יודישען לשון.

צום ערשטען חנוכה-ליכטעל.

לעולם, איז די גאנצע וואך חנוכה געווען פרעהליך, עס איז נישט אדורך קיין אווענד כמעט, אז עס זאל נישט ערגיץ פארקומען א שטיקעל חנוכה-יום-טוב. אזוי האבען געפייערט דעם יום טוב אלע יודישע שולען, מיט'ן אויסנאהם געוועהנליך פון די פאושעכ-נע שולען. דאן איז פארגעקומען א חנוכה-אויפטריט פון די בית-יעקב-שולע און אויב מען וויל, קאן מען אויך צורעכענען דעם „אראראט" אזוי. אזוי. שרייבען אבער בפרטיות וועגען אט די אלע חנוכה פייערונגען. קאן איך נישט צוליב טעכנישע שוועריגקייטען. וועל איך זיך מוזען בעגניגענען נאר מיט'ן בעשרייבען די „געשעהענישען", וועל-כע זענען פארגעקומען דעם איינעם אווענד צום ערשטען חנוכה ליכטעל, נישט קשה, איהר וועט דאס גענוג הא-בען...

זונטאג 4 א זייגער נאכמיטאג בין איך אוועק אין דער שטאדט-שוהל. דער חזן כאלצווא, נאכ'ן אבדאווענען מעריב, האט אנגעצינדען דאס ערשטע חנוכה-ליכטעל, געזאגט די ברכות, גע-זונגען „מעוז צור", אזוי ווי ער קאן, אז דער עולם האט די פינגער גע-לעקט.

לאנג אבער האט מען נישט געטארט מאריך זיין, ווייל איך האב געמוזט זיך צושטעלען צו דער פייערונג, וועל-כע איז פארגעקומען אין דער נייער סינאגאגע לכבוד דעם 15-יעהריגען יובל פון „בית לחם". קומענדיג אבער אהין א האלבע שעה שפעטער לויט'ן בעשטימטען טערמין, האב איך נאך געטראפען פאר'ן אנהויב...

אויף דער פייערונג אין דער נייער סינאגאגע האט מען דערפאר געהאט מכל טוב. מיר האבען געהערט רעדעס אויף יודיש און פויליש, רעליגיעזע געזאנגען אויף העברעאיש און יודיש, מיט איין ווארט–עס איז געווען ליהודים. איך האב אבער ליידער נישט געקאנט זיין ביז צום סוף און אויסהערען די יודישע רעדע, וועלכע איז אוודאי געווען „אינטערעסאנט" ביז גאר... ווייל איך האב געמוזט אוועק אויף דער בעריכטס-פערזאמלונג פון דער כנסיה-גדולה, וועלכע איז פארגעקומען אין לאקאל פון דער „אגודה".

צו דער דאזיגער בעריכטס-פערזאמ-לונג האט מען ספעציעל איינגעלאדען דעם וואוידיסלאווער רב. כאטש, ווי איך איז בעקאנט, האט טשענסטאכאוו אויך געהאט צוויי איינענע דעלעגא-טען אויף דער כנסיה גדולה.

דער „אגודה לאקאל" איז געווען אי-בער-פולט און דער וואוידיסלאווער רב איז באמת א גוטער רעדנער. איך האב זעהר געוואלט אויסהערען דעם גאנצען בעריכט פון דער כנסיה און גלייכצייטיג זיך בעקענען מיט זייערע פלענער אויף דער צוקונפט, נאר אויך דאס איז מיר נישט געווען בעשערט, ווייל דער זייגער האט מיך דערמאנט, אז אין דער שעה קומט פאר א באקס-מעטש צווישען אונזערע מכבי'ער מיט א קריסטליכען ספארט-קלוב פון אוי-בערשלעזיען, האב איך פערלאזט די בעריכטס-פערזאמלונג און אוועק מיט א שטאק העכער–אויפ'ן מעטש.

איך האב זעהר געוואלט, אז אונ-זערע היינטיגע מכבי'ער זאלען האבען א נצחון איבער די געגנער, אזוי ווי עס האבען אמאל געהאט אונזערע אמאליגע מכבי'ער בימי החשמונאים, א דאנק וועלכע מיר האבען דעם יום-טוב. ליידער אבער האבען מיר פון די היינטיגע מכבי'ער נישט געהאט קיין פולען נחת. אמת, אונזערע יודישע העלדען האבען זיך אויך נישט גע-לאזט. אזוי האבען 2 יאטען, אלעק-סאנדראוויטש און בערקענשטאט, אוועק-געלייגט זייערע געגנער'ס ווי די הע-רינג. אויך כוואט און גראנעק האבען זיך געשלאגען העלדיש, נאר דער ריכטער האט זיי בע'עולה'ט. דער ענדגילטיגער רעזולטאט איז אבער גע-ווען פאר די מכבי'ער נישט קיין גו-טער, אזוי אז ווען מען זאל זיך פער-לאזען אויף די טשענסטאכאווער מכבי'ס-טען, וואלטען מיר קיין חנוכה נישט געהאט...

אט דאס זענען אין קורצען די פא-סירונגען, וואס זענען פארגעקומען אין איין טאג, זונטאג, צום ערשטען חנוכה-ליכטעל.

ועשו להם בתים...

רש"י פטייטשט דעם פסוק אויף איהר שפיגער; מיר אבער האבען דערויף נישט קיין שום פשט, נאר מיר וועלען דערצעהלען פשוטו כמשמעו.

די פאבריק „מאטטעס" האט אויפ-געשטעלט 44 הייזער. (זי האט אין פלאן אויפצושטעלען 600 אזעלכע היי-זער) פאר איהרע ארבייטער.

דעם פערגאנגענעם זונטאג איז פארגעקומען לכבוד דעם א גרויסע פייערונג, אויף וועלכער ס'זענען אנ-געקומען מיניסטארען, דער וואיעוואדע און אנדערע הויכגעשטעלטע פערזענ-ליכקייטען.

זייענדיג אויף דער פייערונג און זעהענדיג די גרויסע שמחה, איז מיר געקומען אויפ'ן געדאנק דער פסוק: ועשו להם בתים. יא, זיי מאכען זיך הייזער, אבער מיר יודען לשמחה זו מה עושה–צי קאנען מיר די זכייה האבען, אז אויך פאר אונזערע אר-בייטער און ארימקייט זאלען אויפגע-שטעלט ווערען הייזער.

דערווייל איז ועשו להם בתים...

ס'איז נישט געווען קיין אדוואָ-קאט אויף קיין רפואה...

דעם פערגאנגענעם שבת זענען אלע טשענסטאכאווער אדוואקאטען, סיי יו-דישע, סיי נישט-יודישע, געפאהרען קיין ווארשא צו דער גרויסער אסיפה פון דער אדוואקאטען-קאמער, אויף וועלכער ס'האבען אייך געדארפט בע-האנדעלט ווערען אנטי-יודישע פאר-שלאגען אין טשענסטאכאוו איז אלזא געבליבען דאס בלויזע „דרויב" ד. ה. די אפליקאנטען.

א סך קליענטען, נישט וויסענדיג וועגען דעם האבען דעם שבת'דיגען טאג אבגעשלאגען די טהירען פון די אדוואקאטען, נאר מען האט נישט געקענט געפונען קיין איינעם אפילו אויף קיין רפואה...

דאס טרעפט זיך צום ערשטען מאל...

אין די קליינע שטעדטלעך קומט שטענדיג פאר א ביטערער קאמף צווי-שען די רבנים מיט דער יוגענד וועגען ענין טעאטער. אויב אין א קליין שטעדטיל האט די יוגענד בדעה איינ-צוארדנען א טעאטער-פארשטעלונג, כדי ווי זיי זאגען: „אריינצוברענגען קולטור און פערשפרייטען ליכט צווישען די פינסטערע מאסען", הויבען די רבנים אן א קאמף, מיט דרשות אין דער שוהל, אז „א פייער ברענט אין שטעדטיל", און אויב דאס העלפט נישט, בענוצט מען זיך מיט א חרם א.ד.גל.

קושעפיץ איז אין דער הינזיכט ערשט נישט לאנג אויך נישט געווען קיין אויסנאהם. זענען אבער פארט אנגע-קומען אנדערע צייטען און די לעצטע וואך איז געשעהן אזא מעשה, וואס טרעפט טאקי צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון יודישען קושעפיץ.

יענע וואך האט דער דראמאטישער-קרייז אין קושעפיץ איינגעארדענט א פארשטעלונג, לטובת דער ארטיגער אבטיילונג פון „טאז". נו, האט דער רב שוין די פארשטעלונג נישט גע-שטערט, ס'געהט דאך עפעס אויף א דבר-טוב, איז דאס נאך געווען ווייניג, האט די יוגענד שבת פאר'ן לייענען אין דער שוהל ארויפגעשיקט זייערס א מענש אויפ'ן בעלעמער, וועלכער האט אויסגערופען, אז אלע קושעפי-צער יודען ווערען אויפגעפאדערט צו געהן אין טעאטער אריין.

אזא מעשה, אז מען זאל אין שוהל אויסרופען, מען זאל יא געהן אין טע-אטער אריין, טרעפט זיך צום ערשטען מאל...

לויתן

ערקלערונג

פון פרעזידיום פון ארגאניזיר-קאמיטעט פאר'ן יודישען קאנגרעס אין פוילען.

אין צוזאמענהאנג מיט פערשידענע קלאנגען, וועלכע זענען געקומען צום אויסדרוק אין אייניגע ארטיקלען און נאטיצען אין דער פרעסע וועגען דער צוגרייטונגס-ארבייט פון יידישען קאנגרעס אין פוילען, האלט דער פרעזידיום און ארגאניזיר-קאמיטעט פאר זיין חוב צו פערעפענטליכען פאלגענדע ערקלערונג:

1) אין ערשטען אויפרוף און אין דעם טעקסט פון די קאנגרעס-לעגיטימאציעס זענען אלס ציעל פון יודישען קאנגרעס אין פוילען אנגעגעבען געווארען פאלגענדע פונקטען:

א) קאמף פאר מענשליכער, בירגערליכער און נאציאנאלער פולבערעכטיגונג,

ב) קאמף געגען אנטיסעמיטיזם אין אלע זיינע פארמען,

ג) קאמף פאר דעמאקראטיע,

ד) פאר ווירטשאפטליכער זעלבסט-הילף און אויפבוי.

אויסער דעם איז אלס ציעל ערקלערט געווארען די אויפשטעלונג פון א דעמאקראטישע רעפרעזענטאנץ פון פוילישען יודענטום.

עס איז נישט ריכטיג, אז מאנכע פון די דאזיגע פונקטען און דער עיקר דער פונקט וועגען „קאמף פאר דעמאקראטיע“ זענען פארגעשלאגען געווארען דורך ה' נח פרילוצקי און זענען אנגענומען געווארען אויף זיין פאדערונג, ווי א קאמפראמיס לטובת דער „פאלקספארטיי“. דאנעגען איז ריכטיג אז אלע פונקטען צוזאמען זענען דעם פרעזידיום פארגעלייגט געווארען דורכ'ן ביוראָ און זענען איינשטימיג אנגענומען געווארען סיי דורכ'ן פרעזידיום, סיי דורכ'ן פלענום פון ארגאניזיר-קאמיטעט.

אויך דער פונקט „פאר דעמאקראטיע“, וועלכער האט ארויסגערופען בעווארענישען מצד איין מיטגליד פון פרעזידיום, נישט צוליעב פרונציפיעלע טעמים, איז נאך א קורצער דיסקוסיע איינשטימיג בעשטעטיגט געווארען.

2) עס איז אבסאלוט נישט ריכטיג די בעהויפטונג, אז אין פרעזידיום גופא, אדער אפילו צווישען זיינע בעזונדערע מיטגלידער זאל האבען געשלאסען געווארען אן'אבמאך אדער א „דזשענטעלמען עגרימענט“ בנוגע נישט שטעלען די א"י פראגע אויפ'ן סדר-היום פון קאנגרעס. דאס זעלביגע גילט אויך אויף דער פראגע פון עמיגראציע (עמיגראציע און נישט „עמיגראציאניזם“), להיפך: שוין אויף דער פרעסע-קאנפערענץ, וועלכע איז גערופען געווארען פאר דער פערעפענטליכונג פון ערשטען אויפרוף איז מצד דריי מיטגלידער פון פרעזידיום בפירוש ערקלערט געווארען, אז נישט בלויז, וואס דאס א"י-פראבלעם איז נישט אויסגעשלאסען געווארען פון קאנגרעס, נאר אדרבא, אז דאס איז אבסאלוט זיכער, דאס די דאזיגע פראגע וועט סיי דורך די ציוניסטען, סיי דורך אנטי-ציוניסטען קענען געשטעלט ווערען און דער קאנגרעס וועט וועגען אינהאלט און פארם פון זיין שטעלונג צו א"י אליין בעשליסען.

3) די איבען אויסגערעכענטע ציעלען פון קאנגרעס שעפען נישט אויס דעם גאנצען פראגראם. דער קאנגרעס וועט קענען בעהאנדלען אלע פראגען פון יודישען לעבען מיט'ן אויסנאהם פון יענע פראגען, בנוגע וועלכע עס איז פריהער געקומען אין ארגאניזיר-קאמיטעט צו א הסכם, אז זיי דארפען פאר'ן קאנגרעס נישט געשטעלט ווערען. ביז איצט, איז אזא הסכם פערהאן בלויז אין איין פונקט, נעמליך, אז דער קאנגרעס וועט זיך נישט בעשעפטיגען מיט דער פאזיציע פון רעליגיע אין אינערליך יודישען לעבען. בנוגע אלע אנדערע פראגען איז אזא הסכם נישט פערהאן און איז אויך דורך קיינעם נישט פארגעלייגט געווארען.

פון ראבינאט

דער ראבינאט איז מודיע דער יודישער בעפעלקערונג, אז יעדעס ניי-געבוירען קינד מוז ווערען איינגעמאלדען אין די מעטריקאלע ביכער, ווי אויך ביים הויזווירט אין פערלויף פון 8 טעג.

די, וועלכע וועלען זיך נישט צופאסען צום אויבענדערמאנטען, וועלען דורך דער מאכט בעשטראפט ווערען.

די יעניגע, וועלכע האבען צוליעב פערנאכלעסיגקייט זייערע קינדער נישט געמאלדען, מוזען אומבעדינגט, בכדי אויסצומיידען שטראף, מעלדען זייערע קינדער אין פערלויף פון חודש דעצעמבער 1937.

די מוהלים ווערען געווארענט נישט מל צו זיין אויב זיי וועלען נישט בעהאלטען די מעטריקע פון ניי-געבוירענעם קינד, דעסגלייכען די גבאים פון די שוהלען און בתי-תפלות ווערען אויפגעפאדערט נישט צו לאזען א נאמען געבען דעם ניי-געבוירענעם קינד, אויב ס'וועט פריהער נישט ווערען איינגעמאלדען.

גלייכצייטיג איז דער ראבינאט מודיע, אז בכדי אויסצומיידען אונאנגענעהמליכקייט, זאל אומבעדינגט מיטגעטיילט ווערען דעם ראבינאט וועגען יעדער פארשטעהענדער חתונה 3 שבתים, אום צו קענען בעקאנט מאכען וועגען טערמין פון דער חתונה („זאפאוויעדזיעס“) אין הסכם מיט די פערפליכטענדע פארשריפטען.

דאס פערטיילען מלבושים דורכ'ן פרויען-פעראיין „עזרה“.

מיטוואך איז פארגעקומען די ערשטע פערטיילונג פון מלבושים דורכ'ן פרויען-פעראיין „עזרה“ פאר 85 בכבוד'ע פאמיליעס.

עס זענען פערטיילט געווארען איסער מלבושים אויך נייע ליילעכער און ציכלעך פאר קראנקע.

ווי מען אינפארמירט אונז וועט באלד נאך חנוכה פארקומען א צווייטע פערטיילונג פון מלבושים.

די דאזיגע פערטיילונג פון מלבושים האט א גרויסע בעדייטונג פאר די הונדערטער בכבוד'ע ארימע יודישע פאמיליעס, וועלכע האבען נישט אום ווינטער אנצוטהון קיין מלבוש אויפ'ן נאקעטען לייב. ס'ליגט דעריבער א חוב אויף דער גאנצער היגער יודישער בעפעלקערונג מיטצוהעלפען און שפענדען אלטע מלבושים דער געזעלשאפט „עזרה“, כדי זי זאל קאנען ערפולען איהרע הומאנימארע אויפגאבען צו בעקליידען און בעשוכען די נאקעטע און בארוועסע.

פון לעצטען „טאז“ - צוזאמענפאהר

אויף דעם דריטען לאנד-צוזאמענפאהר פון „טאז“ אין פוילען, וואס איז פארגעקומען אין ווארשא דעם 28 און 29 טען נאוועמבער ה. י. זענען פון טשענסטאכאוו אנוועזענד געוועזן פאלגענדע דעלעגאטען: ה"ה ד"ר סט. קאהן, פרעזעס י. ראזענבערג, ד"ר. ב. עפשטיין, ד"ר ת. לעווקאוויטש, ציינדאקטאר א. פרץ און י. ראזינער.

צווישען אנדערע האט דער ה' י. ראזינער רעפערירט א. ד. ט.: „קרייז פון פריינט און פיאנערען פון דער טאז אידעע און טאז-ארבייט.

דער צוזאמענפאהר האט אויסגעוועהלט א צענטראלע לייטונג, אין וועלכער עס זענען פערטרעטען פון טשענסטאכאוו די ה"ה: ד"ר סט. קאהן און פרעזעס י. ראזענבערג.

פונ'ם יודאאיסטישען צענטער.

פערגאנגענעם שבת האט זיך צום ערשטען מאל בעטייליגט אין דער מסבות עונג שבת ה' פראפ. יאנאווסקי, וועלכער האט רעפערירט א. ד. ט. „דאס חסידות“. דער פערזאמעלטער עולם האט מיט דעם גרעסטען אינטערעס אויסגעהערט דעם רעפערענט, וועלכער האט אין א קלארער און פרעכטיגער שפראך איבערגעגעבען וועגען דער ענטשטעהונג פון חסידות, שילדערענדיג מיט א טיפער ערודיציע די תקופה, ווי אויך די סבות, וועלכע האבען גורם געוועזן זיין ענטשטעהונג. די פערזאמעלטע האבען אויסגעדריקט זייער דאנקבארקייט פאר אזא ארט רעפעראטען.

— מארגען שבת פונקטליך 3 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר א מסבת „עונג שבת“ געווידמעט דעם חג החנוכה.

לתקנת עגונות

שוין העכער א יאהר ווי דער 34-יעהריגער קצב-געזעלען אשר קוועלער האט פערלאזען זיין ווייב און קינד אין טשענסטאכאוו און גיט נישט פון זיך קיין שום ידיעה. דאס לעצטע קארטעל האט ער געשריבען אהיים פון דער טאמאשאווער טורמע. היות זיין ווייב און קינד זענען געבליבען אהן שום מיטלען צום לעבען און כדי דאס ווייב זאל נישט בלייבען קיין עגונה, ווערט געבעטען יעדער, וואס האט עפיס א ידיעה וועגען דערמאנטען אשר קוועלער מודיע צו זיין דעם ראבינאט אין טשענסטאכאוו.

מארגען, שבת — פרעמיערע פון ווארשאווער פאלקס-טעאטער

ווי מיר האבען שוין איבערגעגעבען, קומט אראב קיין טשענסטאכאוו אויף צוויי אויפטריטען דאס ווארשאווער יודישע פאלקס טעאטער אין דער שפיץ מיט'ן איבערָאל - בעקאנטען ארטיסט שמחה נאטאן.

די ערשטע פארשטעלונג קומט פאר מארגען, שבת, 9 אווענד אין זאל פון „מכבי“, וואו ס'ווערט געגעבען ווערען די מוזיקאלישע קאמעדיע „דער יודישער גזלן“, וואס איז דער שלאגער פון טעאטער-סעזאן און איז געשפילט געווארען אין ווארשא מיט'ן גרעסטען ערפאלג.

אין דעם אויסגעצייכענטען אנסאמבל פון דעם פאלקס טעאטער, וואס איז, אגב, ביי אונז דא צום ערשטען מאל מיט אזא בעדייטענדען צוזאמענשטעל, נעמען אנטייל אזעלכע ערשטקלאסיגע ארטיסטען, ווי: שמחה נאטאן, וועלכער איז ביי אונז בעקאנט פון זיינע אויפטריטען אין דער ווילנער טרופע, פראניע ווינטער, דניאל שאפירא, וועלכע זענען געוועזן שוישפילער ביי דער מאריס שווארץ-טרופע (שאפירא איז אויך ביי אונז בעקאנט פון זיינע אויפטריטען מיט אידא קאמינסקא), די יונגע סוברעטין מ. בערן, מאדאם ג. נאטאן, גאווא ווייי, ווידעצקי, גורוויטש, טאל און אנד.

דאס אלץ זאגט עדות, אז דאס איז דאס בעסערע יודישע טעאטער און דארף בעזוכט ווערען פון דעם היגען ברייטען טעאטער-עולם, וועלכער וועט אויסנוצען די געלעגענהייט צו בעזוכען די צוויי פארשטעלונגען.

בילעטען הייגט צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה' באטשאן, אלעע 6 און שבת פון 11 פריה ביי דער קאסע פון טעאטער.

פון „מזרחי“

אין צוזאמענהאנג מיט די שלושים פון פערשטארבענעם יושב ראש פון „מזרחי“ ר' יוסף שמעון קאבלינץ ז"ל וועט מיטוואך, דעם 8.12 ד' טבת ה. י. 3.30 נאכמיטאג פארקומען אין דער „מגיד“ שוהל קאטעדראלנא 10 א פייערליכע הזכרה. מיט הספדים וועלען ארויסטרעטען דער סאסנאווצער רב הרב האגער ווי אויך אנדערע חברים פון „מזרחי“.

נדבות פאר דער געז. „תומכי-עניים“

ה' אלי' חיים פאוניאק צו דער יאהרצייט פון זיין פאטער 10 קילא ברויט.

ה' בער ב. און פרוי 10 קילא ברויט.

ה' מרדכי שיף 1 זל.

פאר'ן יודישען שפיטאל

ה' לייזור רענבוים 2 זל.

א חשוב'ער גאסט אין טשענסט.

זונטאג, ד. 5 ד. ח. וועט אונזער שטאדט בעזוכט ווערען דורך הרב דר. מ. טויבער, איינער פון די גרעסטע געלעהרטע פון פוילישען יודענטום.

הרב ד"ר טויבער האט זיך שוין קונה שם געווען אלס פארשער פון פעדאגאגיק און פסיכאלאגיע פונ'ם יודישען קינד, און אויך אלס פראפעסאר פון לעהרביכער פאר דער יודישער יוגענד. הרב ד"ר טויבער איז דער לאנגיעהריגער דירעקטאר פון מלוכה'שען סעמינאר פאר יודישע לעהרער און דאצענט פון יודאאיסטישען אינסטיטוט אין ווארשא.

דער חשוב'ער גאסט וועט האלטען א רעפעראט אין יודאאיסטישען צענטער ביי דער גייער שוהל א. ד. ט.: „די מקורות פון יודישען אפטימיזם“.

די חנוכה-פארשטעלונג פון דער „בית-יעקב“-שולע

ס'וועט נישט זיין קיין גוזמא, ווען איך וועל זאגען, אז די חנוכה-פארשטעלונג, וואס איז איינגעארדענט געווארען דורך דער „בית-יעקב“-שולע פאריגען דינסטאג אין „מכבי“-זאל איז געווען א הערליכע און האט ארויסגערופען ענטציקונג ביי אלע אנוועזענדע.

דערביי מוז אונטערגעשטראכען ווערען, אז די „בית יעקב“-שולע איז די איינציגע שולע, וועלכע לערנט אויס די קינדער רעדען און שרייבען יודיש און גראד, נישט קיין שלעכטען יודיש, וואס דאס איז שוין ווערט בעגריסט צו ווערען.

דער אינהאלט פון דער פארשטעלונג, אמת, ארײן רעליגיעזער, און נאציאנאלער איז אויסגעפיהרט געווארען ריין, עסטעטיש ציכטיג און מיט פיעל טעמפעראמענט און פיעטעט.

איידער די אייגענטליכע פארשטעלונג הויבט זיך אן, ווערט אנגעצינדען חנוכה-ליכט דורך א שילערין. ערשיינט א מנורה פון אכט לעבעדיגע ליכטלעך, וועלכע זינגען און טאנצען און דעמאנסטרירען די אידעע פון „בית יעקב“-שולע, וועלכע האלט די טראדיציע און די דינים פון דער תורה און שטאלצירט מיט'ן יודישען דת.

ביי דער געלעגענהייט האלט א קורצען רעפעראט וועגען דער בעדייטונג פון חנוכה און די אויפגאבען פון דער „בית-יעקב“-שולע די שילערין מאשקאוויטש, וואס מאכט א זעהר גוטען איינדרוק.

די פארשטעלונג איז בעשטאנען פון 5 אקטען א. נ. „רות“, די גאנצע פארשטעלונג איז, ווי כ'האב אויבען דערמאנט, אויסגעפיהרט געווארען שעהן און ציכטיג. די קינדער האבען זיך אויסגעצייכענט מיט טיפער פערשטענדניס און טאלאנט (אונזערע דראמאטישע קרייזען געזאגט געווארען). די דעקאראציעס זענען געווען פיעלוועניג צוגעפאסט, אויך די גארדעראבע איז געווען געשמאק צוגעקליבען און בכלל האט די פארשטעלונג געמאכט דעם איינדרוק ווי א פארשטעלונג פון אן'ערנסטע טרופע און נישט פון קינדער. עס האבען זיך אויסגעצייכענט די שילערינס: יעלין — אלס נעמי, זעלווער — אלס אלימלך און שפעטער אלס בועז, לאנדוי א. א. א בעזונדערען חן האט געהאט די שילערין פילצער מיט איהר שעהן, זיס שטימעלע אלס רות.

א גאר שטארקען רושם האט געמאכט די מאסען-סצענע „אויף די פעלדער פון בועזן“.

צום סוף זענען אויסגעפיהרט געווארען צוויי אראבישע און „גוראלסקע“-טענץ.

ביים אויספיהרען די טענץ האבען זיך אויסגעצייכענט די שילערינס: פראדעלסקא, אראנאוויטש און גאר בעזונדער—רייזעלע נאכעמיא.

א הארציגען יישר כח די לעהרערין מלפה וואסערצוג, וועלכע האט צוגעגרייט די דאזיגע געלונגענע פארשטעלונג ווי אויך די הארציגע בחנ'טע יודישע קינדערלעך, וועלכע האבען דעם צאהלרייך-פערזאמעלטען עולם פערשאפט עטליכע שעה גייסטיגען נחת רוח.

ש. פ.

חנוכת-הבית פון „ארבייטער-ישוב“

מיניסטער קאשטשאלקאווסקי און אנדערע הויכגעשטעלטע פערזענליכקייטען אויף דער פייערליכקייט.

די היגע פאבריק „אוניאן-טעקסטיל“ (מאטעס), וואס געהער צו פראנצויזישע אקציאנערען, האט מיט א צייט צוריק אבגעקויפט א גרויסען שטח ערד אויף זאוואדזיע און גענומען שאפען דארט אנ'ארבייטער-ישוב. לויט'ן פלאן, וועלכען די פאבריקס-פערוואלטונג האט זיך געשטעלט, דארפען דארט אויסגעבויט ווערען 600 הייזלעך, שוין ביז יעצט זאנען אויסגעפערטיגט געווארען 44 אזעלכע הייזלעך, וועלכע בעשטעהן פון איינצעלנע וואוינונגען צו צוויי שטובען מיט א קוך מיט אלע בעקוועהמליכקייטען, א גערטענדיל א.ד.גל.

נעכטען איז פארגעקומען דער חנוכת-הבית פון דעם דאזיגען ארבייטער-ישוב, אין צוזאמענהאנג מיט וועלכען ס'זענען אנגעקומען קיין טשענסטאכאוו דער געוו. פרעמיער - מיניסטער קאשטשאלקאווסקי, דער פראנצויזישער אמבאסאדאר נאעל, דער קעלצער וואיעוואדע דר. דזשאדאש און אנדערע רעגירונגס-פארשטעהער.

צו דער פייערליכקייט, וועלכע האט זיך אנגעהויבען ארום 2 א זייגער מיטאג אין דעם ספעציעל-אויפגעבויטען פאווילאן אין שכנות מיט'ן „ארבייטער-ישוב“, זענען געקומען אויסער די דערמאנטע געסט, אויך דער היגער סטאראסטא, שטאדט-פרעזידענט, פראנצויזישע קאלאניע און אויך פיעל פארשטעהער פון דער היגער אינדוסטריע און אנדערע אנגעזעהענע בירגער.

נאך דער רעליגיעזער צערעמאניע, וועלכע איז אבגעריכט געווארען דורכ'ן ביסקופ קובינא, האט געהאלטען א לענגערע רעדע דער דירעקטאר פון דער היגער פאבריק „אוניאן“-טעקסטיל און גרינדער פון דאזיגען ארבייטער-קווארטאל זשארזש קוטיראן און דאן האט א קורצע בעגריסונג אין נאמען פון דער רעגירונג אבגעגעבען דער מיניסטער קאשטשאלקאווסקי.

דער וואיעוואדע אין דער געזעלשאפט פון מיניסטער קאשטשאלקאווסקי האבען איבערגעגעבען בראנזענע מעדאלען פאר 6 ארבייטער פון דער פאבריק פאר זייער לאנגיעהריגער ארבייט אין דער אינדוסטריע.

די געסט האבען דאן בעזוכט די ניי-אויפגעשטעלטע הייזלעך און שפעטער איז אין די זאלען פון האטעל „פאלאניא“ פארגעקומען א מיטאג פאר א גרעסערע צאהל געסט, וואס האט זיך פערצויגען ביז שפעט אין אווענד.

מצד דער יודישער בעפעלקערונג איז געווארען איינגעלאדען צו דער דאזיגער פייערליכקייט פרעזעס פון דער יוד. קהלה ה' ראזענבערג, וועלכער איז אבגעפאהרען אויף די היינטיגע צוזאמענפאהרען פון „טאז“ און ווירטשאפטס-קאמיטעט אין ווארשא, צוליב וואס ער האט צוגעשיקט בלויז א שריפטליכע בעגריסונג אויף די הענד פון דירעקטאר קוטיראן.

ווידער אויסגעהאקט א שויב אין געוועלב פון ה' זשאנשינסקי

ה' זשאנשינסקי פערהאלטען די שויבען-האקער

דינסטאג, ארום 6 א זייגער אין אווענד האבען עטליכע כוליגאנעס ווידער אויסגעהאקט א שויב אין גאלאנטעריע-געוועלב פון ה' זשאנשינסקי, אלעע 29.

אויפ'ן קלאנג פון דער צובראכענער שויב איז ה' זשאנשינסקי ארויס און גענומען נאכיאגען דעם כוליגאנישען שויבען-האקער. א צווייטער כוליגאן האט איהם געפרובט צו פערשטעלען אראבצופיהרען פון וועג, אבער ה' זשאנשינסקי האט ענערגיש אבגעזוכט דעם כוליגאן און איבערגעגעבען ביידע דעם אנקומענדען פאליציאנט.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן אויסהאקען די שויב ביי ה' זשאנשינסקי, איז אין דער אלטע ענטשטאנען א מהומה און מאנכע געוועלב - אייגענטימער האבען גענומען שליסען די געוועלבער.

כאראקטעריסטיש, אז יעדעס מאל, ווען ס'קומען פאר עהנליכע כוליגאנישע ארויסטרעטונגען, איז דאס געוועלב פון ה' זשאנשינסקי פון די ערשטע קרבנות.

אין דער זעלבער צייט זענען אויך אויסגעהאקט געווארען שויבען אין אנדערע יודישע געוועלבער אין פערשידענע טיילען פון דער שטאדט, דערונטער ביי ה' קאלקע אויף אלעע וואלנאטשי 11.

דער 15-יאהריגער יובל פון „בית-לחם"

פערגאנגענעם זונטאג איז אין דער נייער שוהל פארגעקומען א פייערליכע אקאדעמיע, געווידמעט דעם 15 עהריגען יובל פון „בית-לחם".

ביי א גרויסען פערזאמעלטען עולם עפענט די אקארעמיע דער פרעזעס פון „בית-לחם" ה' י. אימיך און דערמאנט מיט א פאר ווערטער צאס אנדענקען פון הרב ר' נחום אש ז"ל, אלס איי־נעם פון די גרינדער פון „בית לחם".

קאנטאר פינקעלשטיין דאווענט מערב אונטער דער בעגלייטונג פון א פוס־הארמאניע און דערנאך צינדט ער חנוכה-ליכט.

ד"ר הירשבערג האלט א רעדע מענינא דיומא און ה' פינקעלשטיין זינגט 2 יודישע פאלקס לידער.

דאן רעדט נאך ר' בנימין רובין און צום סוף גיט ה' ראזענצווייג אב דעם בשריכט פון דער 15-יעהריגער טעטיג־קייט.

פארשלאג וועגן א „געטא" פאר יודישע קראנקע אין וויעלון

דער וויעלונער פאוויאטאווע דאקטאר ניעסט האט איינגעלאדען צו זיך פאר־שטעהער פון „לינת הצדק", צו וועלכע ער האט זיך געווענדען מיט פאלגענ־דער פראפאזיציע:

היות יודען נוצען גאר שטארק אויס דעם הילפס הייל-אנשטאלט פאר ארימע „אשראדעק זדראוויא", וואס עס רופט ארויס בייז בלוט, דעריבער, כדי צו פערהאלטען די גוטע יודיש פוילישע פערהעלטנישען ביי אונז אין שטאדט, וואלט כדאי געווען, אז דער לינת-הצדק זאל אויפנעמען אלע ארימע יודישע קראנקע און בשכר זה וועט ער בעקו־מען א יעהרליכע סובסידיע פון סיימיק.

מיר געבען דעם מאדנעם אנבאט אהן קאמענטארען.

דער „לינת" האט וועגען דעם גע־רופען אנ'עקסטרא-זיצונג, אויף וועלכער ס'איז בעשלאסען געווארען דעם פאר־שלאג אבצווארפען שוין צוליב דעם, וואס דאס ליגט נישט אין קאמפעטענץ פון „לינת" איינצוגעהן אין אונטער־האנדלונגען וועגען עהנליכע אבמאכען.

ליקווידירט דעם שטרייק אין שטיינהאגען'ס פאבריק.

ווי בעוואוסט, איז אין דער פאפיר־פאבריק פון שטיינהאגען אין מישקאוו, אויסגעבראכען א שרייק פון 171 אר־בייטער, וועלכער האט דערנאך אנגע־נומען די פארם פון א הונגער-שטרייק.

דעם 30 טען נאוועמבער איז דער דאזיגער קאנפליקט ליקווידירט געווא־רען אויף אזא אופן, אז אנשטאט 42 זענען רעדוצירט געווארען 28 ארביי־טער, דערביי וועלען זיי אלע בעקומען אלפ ענטשעדיגונג צו 240 זל.

די היגע קינא-אייגענטימער פאר ארבייטסלאזע.

די אייגענטימער פון די היגע 4 גרעסטע קינא טעאטערען לונא, עדען, סטילאווי און אטלאנטיק האבען בעלעגט צו דער דיספאזיציע פון דער זאמלונגס־סעקציע ביים ווינטער-הילפס קאמיטעט אינזש. וורובעל, א געמיינזאמע דעקלא־ראציע, אין וועלכער זיי פערפליכטען זיך פון 1 דעצעמבער ד.י. ביז'ן 1 טען אפריל ק. י. צו צאהלען 5 גראשען חורשליך פון יעדען פלאץ אין זייער קינא.

כדאי צוצוגעבען, אז קינא „לונא" ענטהאלט 1200 ערטער און די איבריגע פון פון 500 ביז 800 ערטער.

עגזיסטירט פון 1898 יאהר.
אין דער גוט-בעקאנטער
דרוקעריי פון
ב. באטשאן
1 אלעע 6
טעלעפ. 22-01
ווערט אויסגעפיהרט שעהן און אקוראט אלערארט דרוק-ארביים,
— ווי: —
בריעף - בויגען
קאפערטען
פאסט-קארטען
חתונה-קארטען
בראשורען
קוויטאריושען
אפישען
פלוג - צעטלען
קלעפסידרעס
א. ד. גל. בילינער ווי איבעראל.
בעמערקונג: קלעפסידרעס ווערען אויסגעפערטיגט און אויסגעקלעבט אין משך פון 1 שעה.

א שטוב
מיט א בעזונדערן איינגאנג און בעקוועהמליכקייטען
ווערט געזוכט
צו מעלדען אין רעדאקציע, אלעע 6.

צוליעב אבריזען איבערצוגעבען אנ'ערשטקלאסיג איינגע־פיהרט געשעפט. ביליג.
ערקינדיגען זיך אין רעדאקציע.

אבקלאנגען פון דער גנבה אין געוועלב פון קארחאחסקי.

אין דער נאכט אויפ'ן 27 נאוועמבער 1936 האבען גנבים דורך אנ'איינברוך זיך ארייגעקומען אין געוועלב פון קארוואזווסקי אין דער 3 טער אלעע און צוגעגנב'עט א גרעסערע טייל פערשי־דענע זייקייטען.

אין רעזולטאט פון דער אדורכגע־פיהרטער אויספארשונג האט די אויס־פארשונגס מאכט פעסטגעשטעלט, אז די גנבה האט אויסגעפיהרט א געוויסער יוזעף סמאכעל.

דאס שטאדטישע געריכט האט סמא־כעל'ן פערמשפט אויף 1 יאהר תפיסה און דאס קרייז-געריכט האט דעם אור־טייל בעשטעטיגט.

פערמשפט אנ'אוואנטוריסט.

לוציאן פענטשאק איז דעם 10-טען ליפיעץ שיפור'פרהייד אריינגעקומען אינ'ם געוועלב פון אדעלא פאזשאמ־טשיק אין דער צווייטער אלעע 36 און אנשטאט אויפ'ן בענקיל זיך אוועקגע־זעצט אויפ'ן טיש, וואס איז בעשטעלט מיט צוקערווארג, אנהויבענדיג א שמאס מיט דער געוועלב אייגענטימערין. פרוי פאזשאמטשיק האט א דערשראקענע אלארמירט די פאליציי.

אויך דאס וואלט נישט געווען גע־פעהרליך, אבער פענטשאק האט זיך גענומען אמפערן מיט'ן פאליציאנט און אפילו נאכ'ן ארויספיהרען אויף דער גאס זיך בסדר אוואנטורירט. ערשט מיט דער הילף פון א צווייטען פאליציאנט איז געלונגען פענטשאק'ן איבערצופיה־רען אין קאמיסאריאט אריין.

נאכדעם, ווי פרוי פאזשאמטשיק האט אבגעגעבען ערקלערונגען, האט דער אנגעקלאגטער פענטשאק אויסגערופען: „איך בין זיך נישט מודה, נאר אויב כ'בין יא שולדיג, בעט איך מיך צו פערמשפטען אויף אייביגע תפיסה!"

דאס געריכט האט פענטשאק'ן פער־משפט אויף 2 וואכען ארעסט.

אקופאציע - שטרייק אין דער גנא־שינער טאפעטען-פאבריק.

אין דער גנאשינער טאפעטען-פאבריק איז אויסגעבראכען אנ'אקופאציע שטרייק, וואס נעמט ארום אנ'ערך 70 בעשעפ־טיגטע ארבייטער. די שטרייקענדע פער־לאנגען א לויהן הוספה.

13 נייע בריעף - טרעגער.

שטרעבענדיג איינצופיהרען ווייטער־דיגע אויסבעסערונגען פאר די אבנעמער און קליענטען פון דער פאסט, איז לעצטענס פערגרעסערט געווארען די צאהל בריעף טרעגער אין טשענסטא־כאוו. אנשטאט די ביז-איצטיגע 23 בריעף-טרעגער און געלד-טרעגער, זע־נען איצט פערהאן 30 בריעף-טרעגער און 6 געלד-טרעגער.

צו איציק מאנגער'ס קומען קיין טשענסטאכאוו.

די ידיעה וועגען קומען צו אונז פונ'ם גרויסען דיכטער מאנגער האט ארויסגערופען א פערשטענדליכע פער־אינטערעסירונג אין אלע קרייזען. אט איז שוין איצט בעקאנט דער טערמין— אז מאנגער וועט דא זיין שבת, דעם 18 טען דעצעמבער און וועט אין פיי־ערלעשער-זאל ליינען א גרויסען רעפע־ראט ווי אויך גיבען איינינע רעציטא־ציעס פון זיינע אייגענע ווערק.

די ארגאניזאטארען גרייטען זיך אויף א פייערליכען אופן איפצונעמען דעם חשוב'ן גאסט און ס'איז דעריבער זי־כער, אז אלע אנהענגער פונ'ם לעבע־דיגען יודישען ווארט וועלען אויסנוצען אזא זעלטענע געלעגענהייט און זיך בעטייליגען אינ'ם מאנגער-אווענד.

זיך געגרינדעט אנ'אבטיילונג פון ספארט-קלוב „גוויאזדא".

נאך גרויסע מיה איז געלונגען צו לעגאליזירען אנ'אבטיילונג פון ספארט־קלוב „גוויאזדא-שטערן" אין ווארשא. ס'ווערט צוגעטרעטען צו אנ'אקטיווער ספארט - ארבייט. דער צייטווייליגער סעקרעטאריאט געפינט זיך ביים ה' בארמהערציג, נאדזשעטשנא 23.

ענדערונג אויפ'ן אמט פון נאטשעל־ניק פון דער שטאדטישער געזונד־הייטס - אבטיילונג.

דער נאטשעלניק פון דער שטאדטי־שער געזונדהייטס אבטיילונג און צוגלייך דער שטאדטישער סאניטאר - דאקטאר דר. וויטאלר שיטשאזש האט אויף זיין אייגענער בקשה פערלאזט דעם פערנו־מענעם אמט. דער דאזיגער אמט איז פארלויפיג איבערגעגעבען געווארען דעם דר. יוזעף וויינבוים.

זעקס אנגעשטעלטע פון „אוניאן־טעקסטיל" אויסגעצייכענט מיט פערדינסט-קרייצען.

בעת דער זונטאג'דיגער פייערליכקייט ביים בעניייען דעם ארבייטער-ישוב אויף זאוואדזיע, זענען אויסגעצייכענט גע־ווארען מיט בראנזענע פערדינסט קריי־צען זעקס פערדינטע אנגעשטעלטע פון דער פאבריק „אוניאן טעקסטיל": פראנ־טשישעק מאראווסקי, מאקסימיליאן קושיושא, יאן לאצושטשינסקי, ראמאן גלינסקי, סטאניסלאוו יאנאס און איגנא־צי דעוואר. נאכ'ן פייערליכען אקט פון דערלאנגען די קרייצען דורכ'ן מיניס־טער פאר געזעלשאפטליכער שוץ זינ־דראם קאשטשאלקאווסקי, האט ער אויטגערופען: „כבוד דער ארבייט!"

וועגען אבארבייטען פאר דער ווינטער-הילף.

דער וואיעוואדישער קאמיטעט פון ווינטער-הילף פאר ארבייטסלאזע האט מודיע געווען דעם ארטיגען קאמיטעט פון דער דאזיגער אקציע, אז די ווינ־טער אונטערשטיצונג דארף אבגעארבייט ווערען בעת ס'ווערען אדורכגעפיהרט די עפענטליכע ארבייטען און פערלאנגט פארצושטעלען א געהעריגען פלאן.

אכטונג האנדווערקער!

די אלע, וואס ווילען געניסען פון אומזיסטע פאטענטען אויפ'ן יאהר 1938 דארפען זיך דרינגענד ווענדען אין סעקרעטאריאט פון האנדווערקער-פערבאנד ביז'ן 30 דעצעמבער ד. י.

די פערוואלטונג פון האנדווערקער-פערבאנד.

שבת דעם 11-טען — פערוויילונג פון קינדערהיים.

דעם קינפטיגען שבת, מיצאפען זיך אלע שול פוינט אין פייערלעשער-זאל אויף דעם גרויסען פערוויילונגס אווענד, וואס ווערט ארגאניזירט לטובת דער פרץ קינדערהיים.

אלע נויטיגע צוגרייטונגען צום אווענד ווערען שוין אדורכגעפיהרט, סיי דער בילעטען פארפערקויף און סיי די זאמ־לונג אויפ'ן בופעט זענען אין פולען גאנג. ס'איז צו האפען, אז די יודישע געזעלשאפט וועט מיטהעלפען צום ער־פאלג פון דער אונטערנעמונג.

פון באקס.

פערג. זונטאג זענען אין זאל פון „מכבי" פארגעקומען די ערשטע אין הייריגען סעזאן באקס-קאמפען צווישען י. ק. ב. (שוויענטאכלאוויץ) און דעם היגען „מכבי", וועלכע האבען צוגעצוי־גען א גרויסען עולם צושויער.

די רעזולטאטען פון די קאמפען זע־נען פאלגענדע:

אלעקסאנדראוויטש (מ) — פאלאטשעק. אלעקסאנדראוויטש זיעגט דורך א טעכ־נישען נאק-אוט אין דער צווייטער רונדע.

שטשערבאלא (מ) — פרעזדזיק. דער לעצטער זיעגט אויף פונקטען.

כוואט (מ) — ראדאמאכער. דער קאמף ענדיגט זיך אונענטשידען.

דילעווסקי (מ) — מראזעק. דער לעצ־טער זיעגט דורך א טעכנישען נאק-אוט אין דער צווייטער רונדע.

בערקענשטאט (מ) — גרעגארעצקי. בערקענשטאט זיעגט דורך א טעכנישען נאק-אוט אין דער צווייטער רונדע.

גרינוואלד (מ) — פאנטא. דער לעצ־טער זיעגט דורך א נאק-אוט אין דער צווייטער רונדע.

גראנעק (מ) — הערטעל. דעם קאמף געווינט הערטעל אויף פונקטען.

דער אלגעמיינער רעזולטאט איז 5:9 פאר י.ק.ב.

פון ברית-החיל.

אין צוזאמענהאנג מיט דער רעאר־גאניזאציע האט די פערוואלטונג פון ברית החיל בעשלאסען אדורכצופיהרען אנ'איבעררעגיסטראציע פון די אלטע מיטגלידער און גלייכצייטיג ווערען אויך אנגענומען נייע מיטגלידער.

משה פייערמאן ז"ל

מיטוואך, דעם 24 טען נאוועמבער איז נאך לאנגע און שווערע ליידען אין עלטער פון 47 יאהר געשטארבען איינער פון די אנגעזעהענסטע בירגער אין ראדאמסק, הויז בעזיצער און אינ־דוסטריעלער משה פייערמאן ז"ל.

דער פערשטארבענער האט זיך אויס־געצייכענט מיט זיין ווארים יודיש הארץ און גראדליניגער לאגיק, מיט זיין ברייטער האנד לטובת אלערארט געזעלשאפטליכע ענינים און גרויס פערשטענדניש פאר ארץ-ישראל און אלע ציוניסטישע בעשטרעבונגען.

דעם נפטר האט אין הארציגע ווער־טער געזעגענט זיין שותף ר' יהודה הערש טיגער (ג. פרעזעס פון דער ראדאמסקער קהלה) און מאר'ן אפענעם קבר האט געהאלטען א ריהרענדען הספד זיין שוואגער רעד. א. גאנבצווייך, וועלכער האט זיך אבגעשטעלט אויף דער אלזייטיגער כאראקטעריסטיק פון משה פייערמאן ז"ל אלס גוטהארציגער מענש, מוסטערהאפטער מאן, פאטער, זוהן, יוד און בירגער. דער הספד האט איבערגעלאזט א טיעפען רושם אויף די הונדערטער יודען און קריסטען, וועלכע זענען געקומען אבגעבען דעם לעצטען כבוד דעם איבעראל געשעצ־טען נפטר.

דער טויט פון משה (חיים) פייער־מאן ז"ל האט איבערגעלאזט א שווע־רען רושם אין דער גאנצער שטאדט און ארויסגערופען גרויס טרויער ביי אלע די וואס האבען איהם געקענט.

עהרע זיין אנדענקען!

תנצב"ה.

פון טשענסטאכאווער פינג - פאנג - פערבאנד.

מען גיט אונז איבער, אז דעם טשענסטאכאווער דעלעגאט, ה' ערליך, איז אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון פוילישען פינג-פאנג-פערבאנד וואס איז פארגעקומען אין לאדז, געלונגען ארויסצובעקומען די ערלויבניש איינצו־ארדנען די פוילישע מייסטערשאפטען פון פינג-פאנג אין טשענסטאכאוו אין דער צווייטער העלפט פון חודש פעב־רואר.

אין די קאמפען וועלען אנטיילנעמען די בעסטע מאנשאפטען פון פוילען, צווישען אנדערע: חשמונאי (לעמבערג), חשמונאי (ווארשא), מכבי (קראקא) א.א.

דער טשענסטאכאווער פערבאנד איז צוגעטרעטען צו מאכען די געהעריגע פארברייטונגען און בעמיהט זיך צו דינגען צו די מייסטערשאפטען דעם גרעסטען זאל.

די ידיעה, אז די מייסטערשאפטען וועלען פארקומען אין טשענסטאפאוו האט ארויסגערופען א פערשטענדליכע צופרידענהייט אין אלע ספארט-קרייזען.

אינדיווידועלע מייסטערשאפטען פון פינג-פאנג אין טשענסטאכאוו.

זונטאג, דעם 5 טען דעצעמבער, 9 א זייגער פריה, קומען פאר אין זאל פון „מכבי" די אינדיווידועלע מייסטער־שאפטען פון פרויען און מענער אין פינג-פאנג.

Lekarz-Dentysta
Henryk Lejzerowicz
przeprowadził się
na ul. Aleja 32 m. 3
telef. 17-57.

KINO „EDEN".
א שטורם פון דער גאנצער וועלט האט זיך דער־הערט אויף די אונמענשליכע, שוידערליכע בעדינ־גונגען, אין וועלכע ס'לעבען די ארעסטאנטען פון „טייוועלס-אינזעל".
מעכטיגער עגזאטישער פילם א.ט.
Pieśń Skazańców
אילוסטרירט די איבערלעבענישען פון מענשען אהן מארגען, אין די געפעהרליכסטע בעדינגונגען, די שקלאפען פון גרויסע לידענשאפטען.
איבער'ן פראגראם:
די מוסטערהאפטע הויז - פרוי.

Kino „LUNA"
מעכטיגער פילם פון דער היינטיגער צייט
לויט דער ערצעהלונג פון
פאלא גאיאוויטשינסקא
DZIEWCZĘTA z NOWOLIPEK
אין דער שפיץ פון אנסאמבל:
בארשטשעווסקא, אנדזשעיעווסקא, ווישניעווסקא, יאראשובנא

Kino-Teatr „STYLOWY"
Aleja 27.
הייגט פרייטאג—צום לעצטען מאל
WINOWAJCA
פון מארגען, שבת
W SIECI WYWIADU
ליעבע פון א פרוי — א שפיאן.
אין די הויפט ראלען:
הערבערט מארשאל, גערטרודא מישעליס און ראד-לא-ראק.

Redaktor i wydawca: B. Bocian
Druk. B. Bocian, Aleja 6